מ׳ווּעט זיך ווידער מענטשען, איך און איר,
אזוי אייביק, עס האט דען א שיעור,
ביז זיך טיף דערגריבלען — ביזגל צום גרוב —
איך מיט מיין פען א פויגל מיט א דזשוב.
א מענטש הייסט מענטש, פלעגט א רבי זאגן:
ער מענטשעט זיך! נו, ווער מען זיך פלאגן.

דער באקאנטער אקטיאָר און רעציטאטאר יידל גאלדבערג האט דורכגע־מאכט אן אפעראציע און געפינט זיך אויף רעקאנוואלעסצענץ. מיר ווינטשן אים א גוטע בעסערונג. „לשון און לעבן"

דער באקאנטער אקטיאָר און זינגער בערנארד מענדעלאוויטש איז אין שפיטאל אויף אן אפעראציע. מיר ווינטשן אים א רפואה שלימה. לשון און לעבן

איניקלעך און אוראייניקלעך און אלע אירע קרובים און פריינט אסך גוטע געזונטע יארן.

פרוי גוסטע געפמאן ווינטשן אירע קינ־דער סאלאנט אין ישראל, און ברודער אין לאנדאן, יוליאן גראס און פאמיליע און מומע ליזע און אלע פריינד בכל מקום שהם א כתיבה וחתימה טובה.

יצחק פייגנבלאט ווינשט זיינע קינדער, משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שלום יאקובאוויטש פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אלע יידן א גוט יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זיירע שוועסטער און ברודער, קינדער און דעם ליבע אייניקל, פריינד און גאנצע משפ־חה א רואיק און גליקלעך יאר.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

מ. בערנשטיין און פרוי ווינטשט זיינע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

מערי קאהען א גוט געזונט יאר קרובים און פריינט.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייער קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל א שנה טובה.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זייערע זין, טאכטער, שנירס, אייניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אמע־ריקא, א כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאבאטשניק ווינשט אירע קינדער און אלע פריינט א גוט יאר.

סעמועל, 97 גיוראד „סעקענט קלאטה שאפ" ווינטשט אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

משה מארקאוויטש און טאכטער ווינשט זיינע זין, שנירס, טעכטער, פאמיליע, מעמ־בערס פון נעלסאן שול א כתיבה וחתימה טובה.

דוד בערמאן ספרים און מארקן־סוחר פון 207 לאוער קלעפטאן רויד. א.5, ווינשן זייערע גוטע פריינט און באקאנטע א כתי־בה וחתימה טובה.

יצחק גארדאן ווינטשט זיינע קרובים און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

שיע בירענבוים ווינשט זיינע קרובים און פריינט א גוט געזונט יאר.

אברהם ברוך באש דער בעל בית פון מע־נער האטעל אין וועסטקליף ווינשט א כתי־בה וחתימה טובה אלע זיינע פריינט קרובים און די געסט אין זיין האטעל.

חיים האלדזשטוק ווינשט כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים.

מרס. שרה לאה האכשטיין ווינטשט איר פאמיליע, פריינט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כתיבה וחתי־מה טובה.

א כתיבה וחתימה טובה אונדזערע קרו־בים, קאלעגן און פריינט אין אייראפע, מדי־נת ישראל, פאראייניקטע שטאטן און לא־טיין־אמעריקע — ש. י. און נעלי הארענ־דארף. לאנדאן, ערב ראש השנה, תשכ"ז.

א גוט געזונט יאר אלע מיינע קרובים און פריינט — העניך לעווקאוויטש.



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־11 (העפט 32־431) אכט און צוואנציקסטן יאר נאוו.־דעצ. 1967 לאנדאן

א י נ ה א ל ט:

די אכט מנורה ליכטלעך חנוכה, ישראל און שלום־לידער ........ *** 1
דאס ערשטע יאר פון גאולה ........ י. ריכטיגער 9
ביי א פארמאכטער טיר, צוועלף (לידער) ........ יוסף לעפטוויטש 17
פרעגסט ווי איז מיין לעבן, איך קאן נישט זינגען (לידער) ...... שמואל וואהייט 17
זינגט א פויגל (ליד) ........ עלע זילבערג 18
בראשית אין אנהייב (שלוש פון קאפיטל), אין מיין ווייטשעפל־געסל 1967
(לירישע פאעמע) ........ א. נ. שטענצל 18
א בריוו פון אן עלטער מומע צו איר פלימעניק (סאטירע) משה בעקערמאן 32
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33 הענריקעס סטר. שבת 3 א זייגער)

שבת, דעם 30׳סטן דעצעמבער — א חנוכה פראגראם: חנוכה־געלד פון שלום עליכם נעט רובין, חנוכה־לידער מאיר באגדאנסקי.
שבת, דעם 6׳סטן יאנואר — 70 יובל יאר פון בונד, רעדנער סעם לעוו.
שבת, דעם 13׳טן — יעקב ריכטיגער איבער זיין נסיעה אין אמעריקע.
שבת, דעם 20׳טן — רעציטאציעס פון לאנדאנע פאעטן און שרייבערס.

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings.
Collingwood Street, London, E.1. England

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל
פרייז 2 שילינג

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

## לאנדאנער קולטור ידיעות

ביי דעם 50 יארצייט אוונט, לכבוד מענדעלע מוכר־ספרים, איינגעארדנט פון יידישן וועלט־קאנגרעס און קולטור־געזעלשאפט האט זיך פערזאמלט א נישקשהדיקער עולם.

די רעדנער זיינען געווען: אין יידיש י. ח. קלינגער, אין העברעאיש ש. גאלדשמידט און אין ענגליש דר. מאיר גערטנער.

דער גוט־באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג האט זיך גאר גוט אויסגעצייכנט אין זיין רעציטירן קאפיטלעך פון בנימין השלישי און פישקע דער קרומער, ער האט רעציטירט א ליד פון ה. לייוויק איבער מענדעלע מוכר ספרים א.א. די באקאנטע זינגערין קאטינקא סיינער האט געזונגען יידיש און העברעאישע פאלקס לידער. דעם פארזיץ האט געפירט חבר יעזשערסקי.

די פירער פון רעקס־הויז האבן געמאכט א געזעגן־אוונט פאר דר. יעקב מייטלים צום אפשלוס פון זיין ארבעט אין דערציאונגס-דעפארטמענט. עס האבן גערעדט סער בארנעט זשאנער, דר. פאקס א.א. דר. מייטלים האט געענטפערט די רעדעס..

י. א. ליסקי פארט אפ דעם חודש אויף באזוך קיין ישראל.

די אקטריסע פון דער חברים גרופע אין גרענד פאלעי סעדי סקאפ האט תנאים געשריבן מיט בערי סעמואל מיר זאגן דעם יינג פאר מזל טוב.

יעקב ריכטיגער איז געפארן אויף א באזוך קיין ישראל באגלייט פון זיין פרוי.

ביי די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס איז געווען אן אפאטאשן־אוונט צו באצייכענען דעם 80 געבוירן יאר פונם גרויסן שרייבער. געליינט אפאטאשוס דערציילונגען האט דער גוט־באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג. גערעדט, האט מ. דאמב.

די פרוי פון הרב שלמה האלסשטוק, די רבנית מרים איז נפטר געווארן. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צום דעם באקאנטן רב הרב האלסשטוק.

דער פארזיצן פון בית־ציון אין ווייטשעפל, דער באקאנטער כלל־טוער, מאיר ראבינאוויטש, איז נפטר געווארן. אין דער גרויסער שול אין קאמארשל־ראד און געמאכט געווארן א הספד. עס איז געקומען א גרויסער עולם. מספיד געווען צום נפטר האבן דיין מיכאל פישער און הרב שלמה האלסשטוק.

דער פילם־רעזשיר ראבערט וואזע, אן אונגארישער ייד, וואס האט שוין אייניקע געלונגענע פילמען איבער געזעלשאפטלעכן און קולטור לעבן אין דער איסטענד פון לאנדאן, האט לעצטנס געהאט אין די ב.ב.ס. א גאר וויכטיקן פילם איבער צייכנונגען פון די יידישע קונסטער אין טערעזיענשטאט.

מארק מארקאוו און עטא טאפ אויף זייער צוריק־נסיעה פון ישראל קיין דרום אפריקא, ווייל'ן די צווייטע וואך פון יאנואר אין לאנדאן, מיר זאגן זיי די גוט באקאנטע אקטיארן, וואס האבן דא פארן יידישן טעאטער לאנדאן אין די מלחמה יאר און נאך די מלחמה אויפגעטון גאר א סך, א ברוכים הבאים.

אין יידישן טעאטער, אין גרענד־פאליי ווו די חברים־גרופע טרעטן אויף שפילט מען לעצטנס נייע פראדוקציעס פון דער גוט באקאנטן אקטיאר הערי אריאל וואס נעמען שטארק אויס ביים עולם.

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו אונז אונזער פריינט — ח. נ. בענקוויטש צו נפטר ווען פון זיין ברידער זאב אליעזר בענקוויטש.

אויף לעבעדיקער צייטונג, איינגעארדנט פון וועלט קאנצערט און שרייבער־פעראיין צו דער 10׳טער יארצייט פון שלום אש, אין וועלכע עס האבן זיך באטייליקט י. דאנק און ש. גאלדשמיד, האט מיכאל זילבערבערג געליינט אן אריינפיר צו בריוו פון שלום אש צו זיין פרוי, וואס וועלן בקרוב דא דערשיינען.

אברהם סוצקעווער האט געווײלט אייניקע טעג אין לאנדאן. נאך גוט וואס ס׳איז גראד אויסגעפאלן יענע טעג לעפטעוויטשס יובל פייערונג האט ס׳יידישע לאנדאן געהאט די געלעגנהייט צו באגריסן דעם חשוב גאסט.

די קולטור געזעלשאפט האט ביי א באנקעט געפייערט יוסף לעפטעוויטשעס 75׳סט געבוירנטאג עס האבן דעם בעל יובל באגריסט. דר. מאיר גערטנער, י. פיין, יוסף פרענקל, אברהם סוצקעווער א.א. יידל גאלדבערג האט רעציטירט לידער פון לעפטעוויטש און סוצקעווער. דעם פארזיץ האט געפירט חבר יעזשערסקי.

די בונדישע גרופע אין לאנדאן האט געפייערט אין „סערקל־הויז" דאס 70׳סטע יובל־יאר פונם בונד.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12־11 (העפט 32־431) אכט און צוואנציקסטן יאר נאוו.־דעצ. 1967 לאנדאן

## די אכט מנורה ליכטלעך 1967

ווי יענס לעצטע ביסל בוימאייל,
מיטן כהן־גדולס זיגל,
קלארער שמן־זית טהור,
אינם געחתמטן קריגל —
א גאנץ פאלק ווידער געלעגן,
געוואלגערט אויף גלות־וועגן.

פון די גבורים, אצינד, ס׳בלוט,
ברענט אין יעדן מנורה־רערל,
אויף כותל דער ישראל־עמבלעם,
נאך די העלדן ס׳נשמה־נרל —
זיי׳רע ברענענדיקע ווונדן,
נצחון־ליכטלעך אנצוצונדן.

פארשעמט נישט נאר ישראל־עמבלעם,
גאנץ פאלק חלילה געוועזן!
זע, ווי עס טאנצט איצט א הארא —
א העלד אויף א פאר פראטעזן —
ביז צו דער כותל דערגאנגען,
זיין הארץ פול נסים געזאנגען.

„בימים ההם בזמן הזה" — —
זאל דאך אונזערע מנורה־פאקל,
פון אלע מענטשלעכעליידן,
זיין שוין דער לעצטער סך־הכל —
מלחמות זאלן אויפהערן,
שלום־עמבלעם ער זאל ווערן.

## דער שונא

ס׳איז אים אין אוישוויץ גאנץ נישט געלונגען,
האט ער געוואלט אויפסניי אנהייבן:
די שטארקע אויפרייצן צום העלדן־טויט,
און די שוואכע אין ים אריינטרייבן —
ס׳זאל פון ביסל פליטים, געבליבענע,
קיין זכר צומאל נישט איבערבלייבן.

זאל ער דער שונא מיט זיין אייגן בלוט,
אונטער די אויערן זיך פארשרייבן:
אויב נישט די גאולה — זיין רציחה,

פון די עקן־וועלט אונז צונויפטרייבן —
נישט צולייגן זיך, ווי די שעפעלעך,
גרימיק אויפצושטיין ווי די לייבן.

גרויסע גנאד אונז געגעבן געווארן,
שעפעלעך צו זיין, זיך אויסצוקלייבן:
בעסער געקוילעט ווי קוילער צו זיין!
בלויז לעצטע שוין צו שחיטה מ׳נעמט טרייבן — —
ווי צו די וועלף, ווען מילדע שעפעלעך,
ווי די ווילדע לייבן זיך אויפהייבן.

לעצטע ביינדעלעך, פארלוירענסטע שוין,
צו דער לעצטער וואנט זיך נאך דערקלייבן,
דאס לעצטע הערנדל — שופר של משיח,
דעם שונא פון לאנד צו פארטרייבן.
אויב שוין גארנישט אונז געבליבן — אבער,
דער „מי כמוך" אייביקער גלייבן.

## נצח ישראל

עס ברויך נאר צו זיין בלויז איינער,
א מתיתיהו מיט פינף זין,
און דורות ציען זיך ווייטער,
אינם אומענדלעכן אהין.

עס ברויך נאר צו זיין בלויז איינער —
די אומענדלעכקייט איין אליין!
און וואס לעבן דעמלט, וואס טויט?
פרייד אויף קדוש־השם צו גיין.

נישט איך, נישט דו און נישט יעדער —
אן איין איינציקער נאר פאראן!
דער פאטער פון אלע מענטשן,
דור דורות — אן איינציקער שפאן.

און אויב דאס אלץ בלויז א טרוים קוים — —
ווארער ס׳איז ווי ס׳לעבן אליין!
וויפיל דורות שוין פארלאשן,
און ס׳צאנקט נאך אלץ ס׳קנייטעלע קליין.

## מזמור לדודל

„חנוכה־געלד" פאר דודל ג.

ווער נישט געליינט יענע לעגענדע,
פון די גבורים מיט איין אויג אין קאפ?
געדענקסט דו דאך דעם מאדנעם נאמען,
ווי געוואלטיק גרויליק ער קלינגט — ציקלאפ!

ווייסט דו פארוואס? ווייל גאנצע לענדער,
זיי צעקלאפן מיט איין איינציקן קאפ;
און האט נישט דוד מיט איין שטיינדל,
צעקלאפט דעם גראב־ריזיקן גלית־כלאפ?



נישט קיין בבא־מעשה־לעגענדע,
און נישט עפעס א מזמור צוגעטראכט:
משה דיין איין אויג אין קאפ האט,
(ס׳צווייטע אויף צוקלאמפערשט נאר צוגעמאכט.)

און זע ווי די שונאים אנטלאפן,
געמאכט יענעם אמתן ויברח — —
פארוואס ביים כותל דיין געוויינט?
ווייל ס׳שטייט: „בנפול אויביך אל תשמח".

## ס׳דריידערל שטייט שמונה - עשרה

א דריידל מיט פיר יידישע אותיות,
וואס געוויגן דער בליי קוים א לויט,
ווערן חלילה ס׳ערשטע רעדעלע,
פון א קריגס־מאשין צו זייען טויט?

איז דער נס־גדול נאר היה שם,
נישט פאר אלע מענטשן, פאר גאנצער וועלט?
ווי שטיל געווארן מיטן געדריי,
ס׳האט זיך צו שמונה־עשרה געשטעלט:

אויב פון שפיזן קאסעס אויסשלייפן,
פון שווערדן אקעראייזנס געשמידט,
און מיט אייגענע הענט זייען טויט?
אל רחום וחנון באשיץ און באהיט.

## די הייליקע מקומות

אונזערע הייליקע מקומות,
האבן מיר נישט מיט כוח פארנומען,
אברהם פאר מערת־המכפילה,
באצאלט פיר הונדערט שקלים מזומן.

אויף דעם שטיקל כברת־הארץ,
ווו מאמע רחל ליגט באגראבן,
מיטן וועג, א הפקר שטיקל ערד,
קאן קיינער קיין טענה נישט האבן.

נאכן איינגעמען ס׳גאנצע לאנד,
יוסף׳ן נאך שכם געטראגן,
צום שטיקל נחלה וואס יעקב,
פאר הונדערט קשיטה געקראגן.

און דעם פלאץ פון הר־הבית
דוד אפגעקויפט פון א יבוסי׳ן,
נישט מיט געוואלט עס צוגענומען,
קיין מענטשלעך בלוט נישט צו פארגיסן.

דאס בית־המקדש, — ווו די שכינה
צום בן־אדם זאל זיך באווייזן, —
אויפצובויען, אויף א שטיין צומאל,
טאר מען נישט אויפהייבן קיין אייזן.

## מאמע רחל

פאר רחל דון יחיא ווי צו אכט אזוי צו אכציק

פון דעם ווילד געוואלדיקן טאנץ,
אין שמחת־תורה שנת תשכ״ח,
מאמע רחל זיך אויפגעכאפט — —
זע: א ייד, א סאלדאט, שטייט וואך.

„ושבו בנים לגבולם״ —
זי ווייסט, נישט א בת־קול וואס טרייסט,
אזוי טאנצן קאן נאר א פאלק,
וואס אויף אן אמת שוין דערלייזט.

אבער וואס שטייט ער מיט א ביקס,
קאן מאמע רחל נישט פארשטיין,
אויב גאולה — און זי ברעכט אויס
אין א ווילד יאמערלעך געוויין.

דער סאלדאט הערט זיך שטילינק צו,
און ווי געשטאנען בלייבט ער שטיין:
מאמע רחל זאל מען, חלילה,
קריק אין ביטערן גלות גיין?

## די ווענוס און די אילת

1

א סימן מובהק, הן אביסל,
אז ס׳איז קיין גאט אין די אין־סופן;
זיי וואלטן דאך אים אנגעטראפן,
מיט סופער צילנדיקן מיסל.

ס׳איז אבער א גאט דאך פאראנען,
און זיי האבן אים אויך צעשמעטערט:
אין קינדער פון מאמעס פארגעטערט,
פארוואס? זיי וואלטן כאטש פארשטאנען.

2

אז נישט נאר אין די תוהו־טעג איצט,
דריי איך מיך ארום גאנץ ווי צעמישט,

נאר אין די נעכט, מיינע חלומות,
אותיות אויף לעש־פאפיר פארווישט.

פארלוירן כ׳בין גארנישט אויסצוגעפינען,
נאך א טאג — און גאנץ אראפ שוין פון זינען.

ווי אזוי לייענען פון די שטערן?
די ווענוס נישט מער דער ליבע־גאט,
„הימלישער־וואגן״ — א קאנאן גאר איז,
יינגען אזעלכע צעשאסן האט.



ס׳פליען טעג — פלעווס אויסגעדראשענע,
און די נעכט — פלאמען־ימען פארלאשענע.

## דער סועץ - קאנאל

1

זיבן מעת־לעת די שטאט סועץ ברענט —
א נשמה ליכט מ׳האט אנגעצונדן!
א שפיגל פארהאנגען מיט א טלית —
קאנאל אונטער רויך־וואלקן פארשוווּנדן:

דאס שוימען, דאס ברויזן פון די כוואליעס —
טויט־כארכל אויף די ימים־אפגרונדן.

2

מילא נישט געלונגען דעם פיינט ס׳מעסער,
פנים אל פנים אריינצושטעכן,
האט ער׳ס אונז הינטן ארום — דער פחדן!
אבער דער מיטהעלפער פון פארברעכן — — —

זיין חשבון מיט מיין מוח דערגרונדן
כ׳רעכן, בארעכן, ס׳גייט אן — א ברעכן.

## ווען נישט די בעלפערס

איצט קאן מען זיך שוין זעצן צום טיש,
צום סיר־הבשר שלום־טעפל,
די מצרים האבן אויך שוין העלדן,
וואס קאנען דריקן ס׳מיסל־קנעפל.

מיט די פיר „מענדאליסטן״ נא־שפריץ,
ארויסגעזעצט די ברוסטן־בייכער,
קאן זיך שוין נאסער זעצן צום טיש,
א שטאלצער מיט גלייכע א גלייכער.

און דאס קעניגל, דאס הוסיינדל,
אויב נישט מיט פיעדערענקאס מיסל,
אבער מיט בראון־נאטינגס א קאנאן,
ווי מיט א לעפל אין א שיסל,

געטראפן אין ישראל־עראפלאן — —
טא לאמיר זיך שוין צום טיש זעצן,
מילא די פיעדערענקא־נאטינקס,
מיטקומען ווי די שלום ספעצן.

הינטערן טיש קאנען זיי זיצן,
פארקנעפלען נאסערן די הויזן — —
ווען נישט די בעלפערס ווי וואלטן מיר
געקענט בשלום צוזאמען הויזן.

## די גרויסע

פארוואס הייסן זיי די גרויסע ?
ווייל, דאס כלי־זין זיי גרייטן,
געבן׳ס די קליינע זיי זאלן,
אויסמארדן איינער דעם צווייטן.

קנעלן אונטער ווי צו טייטן !
און דערנאך וועלן זיי קומען,
די גרויסע, צו אלעם גרייטן.

ס׳וועט זיי אבער נישט געלינגען,
רויבער קאנען זיך נישט טיילן !
וועט מען זיך דאס ביי דעם זאק־רויב,
איינער דעם צווייטן צעקיילן.

פון זייער וואיענדיק היילן,
אזש די חיות אין וואלד פאר שרעק,
שטיל פארקריכן אין די היילן.

## דע - גאל הגדול

אז ס׳מויל זאל זיין פראפארציע צו דער נאז,
מוז עס זיך געוואלטיק גרויס אויפרייסן,
אבער אז אן אלטער שוין און אן ציינער —
(איינער אפנים געבליבן פאר וויטאג :)
רייסט זיך אויפן האלדז און קאן נישט בייסן.

וואלט ער ס׳פוילע מויל כאטש צוגעהאלטן,
דעם ריח נישט געהערט — — געקענט מיינען...
אבער אזא מארק־שרייערישער סוחר,
אויפן בענעלוקס־מארק קאן נאך אזא פוקס
צום ראש־לקרעמער זיך לאזן קריינען.

## וועגט

יא, מיר שלעפן נאך אלץ צוזאמען א וואנט מיט א וואנט :
„ווילינג־וואל״, „וואל־סטריט״ — א, זיי קאנען נאך ביידע קראכן !
צי קאן מען דען דעקן די טשעקן, די קאנטא־ביכער,
מיט אלע שבעים לשונות פסוקים פון אלע תנכן.

אין געגזלטער גראשן לוגט גרויזאם גרויליק ארויס
צווישן גאלד־רענדלעך מיליאנען מיליאסן מיליארדן — —
ס׳וועט דשאנסן נישט אפוואשן די צבועשע וויעטנאם־הענט
אין די וואסערן, הייליק צעברויזטע פונם ירדן.

יא, מיר שלעפן נאך צוזאמען א וואנט מיט א וואנט,
מיר וועלן נאך באלד די בערלינער וואנט אויך אהערשלעפן ;
אויב ישראל נאר — דייטשלאנד פארגעסן און פארגעבן !
פאר פאטערלאנד גאנצע פעלקער כאטש קוילן און קעפן — —



א, מיר שלעפן נאך אלץ צוזאמען א וואנט מיט אוואנט,
כאטש קאפ אין דער פערטער — אין דער אייגענער וואנט, צעשלאגן !
און וואלטן געווען די נביאים אין אונזערע טעג,
א חוץ זידלען, וואלט זיי דען געוווסט וואס צו זאגן ?

## קוויטלעך

א.

האט מען נישט חנוכה קוויטלעך געשפילט ?
צו א רבין שיקט מען דאך א קוויטל !
נו, וועל איך שפילן אין קוויטל־שיקן,
קומט דאך חנוכה גראד אויס אין ניטל.

אמת עס שטייט : „לא תעלה בחומה״,
גאט האט זיין פאלק ישראל באשווירן,
ארץ־ישראל נישט איינגעמען מיט מאכט,
נישט מיט כוח ארויפגיין אויף די מוירן.

אבער האט ער דען נישט אויך די אומות,
באשווירן נישט פייניקן די יידן,
מיט איבערשטייגנדיקע ענויים ?
נו, איז ער מיט די פעלקער צופרידן ?

טא וועלן מיר אן שבועות, אן חרמות,
מיט א שלום־פשרה אדורכקומען :
זאלן אזויפיל עולה זיין, וויפיל
עולות קרעמאטאריע צוגענומען —

ב.

אמת עס שטייט : „לא תעלה בחומה״ !
אבער אין דער כותל אריינלייגן,
א קוויטל, א טרערן״, א פרייד צעווייקט,
מיינט נאך נישט די חומה ארויפשטייגן.

א „פיסקא מין שמיא״, א פאפאגיי,
ציט א קוויטל אויף א קאטערינקע :
צי קאן מען דען גלויבן די גויים,
נאך דעם וואס געשען ס׳איז אין טרעבלינקע ?

„צדקה עשה עמהם״ — —
אויף קיין איינס פון די פעלקער, קיין איינעם,
מען קאן זיך נישט פארלאזן — אבער
אויף אלע אומות אינאיינעם —

אכצן מיליאן יידן זיינען געווען,
א דריטל צוגענומען די פלאמען,
א דריטל אין אייגענעם לאנד,
א דריטל — צעשפרייט אויף שבעה ימים.

## אין א ניטל נאכט אין לובלין (באלאדע)

די הייליקע חבריה ארום טיש,
פאר חצות, האלבע נאכט באלד — ניטל ;
נעמט דער לעלעווער אראפ דאס קאפל,
און טוט אן ס׳וואכעדיקע היטל.
ר׳ קאלמיש קראקעווער כתיבהט, וויקלט,
און מען זעצט זיך שפילן א קוויטל.

דער שטן שאטנט אויף די שאלאש־ווענט,
ס׳שמעלצן צוויי לעצטע יארצייט־ליכטלעך ;
מיט זיין זריזותדיקן לויף באוויזט זיך,
דער חוזה ראפטים, אומגעריכטלעך ;
אבער נאך איידער ער קומט צו צום טיש,
לעשט דער ייד הקדוש די ליכטלעך.

„שומו שמים״ ! וואס טוט זיך דא ?
שרייט דער חוזה אויס ווילד דערשראקן :
ווו בין איך דאס דא אריינגעפאלן״ ?
אין איין שפענצער, אין שיך און זאקן,
שפרינגט אונטער ר׳ מרדכילע ראקאווער,
בשעת דרויסן קלינגען שוין די גלאקן :

„ש׳קשה״, צעלאכט ער זיך : „א בן זכר :
זיך אויסגעלערנט נעמען קוויטלעך,
ש׳קשה, די חברותא מעג שוין אויסטון,
די וואכעדיקע קאשקעט־היטלעך,
אנטון קאלפיקעס, ספאדקעס, שטריימלעך,
לילקע־ציבקעס שמאטשקען געמיטלעך״.

דער שמש קומט אן מיט גרויסן לאמטער,
אונטער טיש, צופיס ביים לעלעווער,
דערזעט דער חוזה צעוויקלט ליגן,
די געקריינטע, די צוויי עלעווער,
און ער שרייטאויס : „שאפט דיר א מלמדות,
כ׳ברויך ברוך השם קיין בעהעלעפער.

די הייליקע חברותא ארום טיש,
נאך חצות שוין האלבע נאכט — ניטל ;
ר׳ דודל טרויעריק, מרה־שחוריק
פארשעמט, טיף אראפגערוקט ס׳היטל.
גייט ר׳ קאלמיש שטיל צו אים צו : „רבי״,
און דערלאנגט אים דאס ערשטע קוויטל.

## א ניסל - מעשהלע מיט א מוסר - השכל

עס האט שוין דער פאן, דער פריץ,
אזא אלטן מנהג געהאט,
יעדן ניטל קומט ער צום רב,
שפילן שאך, געבן אים א מאט.



אהיים גייט דער פריץ, דער פאן,
און רייבט זיך מיט נחת די הענט :
ווי קלוג געשפילט ס׳האט דער ראבין,
און א מאט דאך געכאפט אם ענד.

מיטן גיין בלייבט ער שטיין פארטראכט,
און ציט זיין לאנגן וואנס זיך לאנג :
אז דאס שטעטל פעכניעט פאר קעלט,
א וואונדער מען פארזעט א גאנג.

און ער באשליסט מארגן גאנץ פרי,
לאזט ער האקן א מארגע וואלד,
א פאר גלאפטער האלץ צו שיקן,
אין שטעטל אריין תיכף באלד.

יא, ס׳מוז דער רב, דער שארפער קאפ,
פארבייגן אלע יאר זיין שטאלץ,
דער פריץ פאר ארעמע־לייט,
זאל שיקן א פאר פירלעך האלץ.

## י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

### דאס ערשטע יאר פון גאולה

הייאר — תשכ״ח — פינף טויזנט זיבן הונדערט אכטאונצוואנציק יאר פון יידישן צייט רעכענונג איז, לויט א בארעכענונג אין פסיקתא רבתי און אין זהר, דאס ערשטע יאר פון גאולה. די גמרא ברענגט א פאלקלאריסטישן מאמר פון רב קטינא און תנא רבי אליהו, אז „ששת אלפים שנה עלמה״ זעקס טויזנט יאר וועט עקזיסטירן די איצטיקע ציוויליזאציע : צוויי טויזנט יאר וועלן זיין פרימיטיווע, צוויי טויזנט יאר וועלן זיין תורה, אדער קולטורעלע אנטוויקלונג און צוויי טויזנט יאר וועלן זיין „ימות המשיח״ — די צייטן פון משיח. נאך די זעקס טויזנט יאר וועט די איצטיקע ציוויליזאציע אונטערגיין און א נייע וועט אנטשטיין. וועגן דער צייט וואס וועט נעמען ביז די נייע ציוויליזאציע וועט זיך אנטוויקלען איז א פלוגתא צווישן די חכמי התלמוד : איינער באהויפטעט טויזנט יאר, א צווייטער — צוויי טויזנט יאר, א דריטער — פינף טויזנט און א פירטער — זיבן טויזנט. (סנהדרין צ״ז).

אז די מענטשנקינדער זענען געווען צוויי טויזנט יאר פרימיטיוו זעט אויס צו זיין א היסטארישער פאקט. און אז די ווייטערדיקע צוויי טויזנט יאר זענען געווען תורה אדער קולטורעלע אנטוויקלונג, זאגן עדות די גרויסע וועלט רעליגיעס און פילאזאפיעס וואס זענען אנטשטאנען אין משך פון דער פעריאדע, ווי אויך, דאס געשריבענע ווארט אדער די קונסט אויסצודריקן אידעען אין שריפט, וואס איז ניט עלטער פון פיר טויזנט יאר, צוליב וואס

אבער האט מען געדארפט האבן צוויי טויזנט יאר ימות המשיח — משיח׳ס צייטן ? די משיחשע אידיי זעט אויס, צו זיין, לויט די רעליגיעזע ליטעראטור, א רעוואלוציאנערע געשעעניש, וואס וועט אין א קורצע צייט פארענדערן דעם סדר עולם, ניט אן עוואלוציע, וואס וועט אין משך פון דורות דערציען די מענטשנקינדער צו אן אנדערן לעבנסשטייגער ? נאר די חכמי התלמוד האבן געפונען א תירוץ דערויף אין איינע פון ישעיה הנביא׳ס נביאות.

ישעיה הנביא ענדיקט איינע פון זיינע חזיונות וועגן דער לעצטער גאולה מיט די וויי‌טער ציטירטע ווערטער „אני יי בעתה אחישנה“ — איך גאט וועל די גאולה אין איר פעסטגעשטעלטער צייט צויאגן. (ישעיה ס׳) פרעגט מען אין דער גמרא — אויב די גאולה וועט קומען אין דער פעסטגעשטעלטער צייט וועט זי דאך ניט ווערן צוגעיאגט, און אז זי וועט ווערן צוגעיאגט וועט זי דאך קומען פאר דער פעסטגעשטעלטער צייט ? קאמענטירט רבי יהושע בן לוי — „זכו אחישנה לא זכו בעתה“ — אויב דאס פאלק ישראל וועט זוכה זיין וועט די גאולה צוגעיאגט ווערן און טאמער ניט וועט זי ערשט קומען אין דער פעסטגעשטעלטער צייט. (סנהדרין צ״ח) דאס הייסט כדי צו געבן דעם פאלק ישראל צייט איינצושאפן זיך זכותים זענען נויטיק געווען די צוויי טויזנט יאר משיח׳ס צייטן.

ניט וויסנדיק פארוואס דאס יידישע פאלק איז פארטריבן געווארן, צו באשטימען דורך וועלכע זכותים די גאולה וועט ווערן צוגעיאגט (יומא ט׳) האבן די חכמי התלמוד אין יעדן דור, זינט דעם צווייטן חורבן אדער זינט די צוויי טויזנט יאר ימות המשיח האבן זיך אנגעהויבן, געטראכט צו געפינען רמזים אין תנ״ך אויף ווען די צייט פון דער גאולה איז געווארן פעסטגעשטעלט ? רבי עקיבא האט געדרינגען פון פסוקים אז בר כוכבא איז משיח, רב חנן האט געזען אין אן אלטער מגילה, געפונען אין דער ביבליאטעק פון רוים, אז נאך פיר טויזנט צוויי הונדערט און דרייסיק יאר פון י.צ.ר., דאס הייסט : צוויי הונדערט און דרייסיק יאר נאכן אנהייב פון ימות המשיח, וועלן די מלחמות פון גוג ומגוג, ווי אויך, אלע אנדערע געשעענישן פון משיח׳ס קומען. אבער די חכמים האבן אויסגעטייטשט דעם חלום דניאל, אז דער גלות וועט אנהאלטן „עד עידן עידנין ופלג עידן“, וואס וויל זאגן — דריי און האלב מאל ווי דער גלות מצרים אדער פירצן הונדערט יאר נאכן חורבן. (סנהדרין צ״ז) דאס הייסט : די גאולה וועט ערשט קומען אין די לעצטע טויזנט יאר פון ימות המשיח.

די מיינונג פון די חכמים, אז די פעסטגעשטעלטע צייט פון גאולה זאל זיין אין די לעצטע טויזנט יאר פון די זעקס טויזנט יאר ציוויליזאציע, איז אייגענטלעך א קבלה פון רבי יוחנן בן זכאי׳ס תלמידים. אין א פסיקתא רבתי געפונט זיך א מאמר פון רבי אליעזר, אז די גזרה צו בלייבן אין גלות אונטערן שעבוד פון די אומות איז בלויז אויף טויזנט יאר. רבי אלעזר בן ערך האט מסכים געווען מיט אים, אנווייזנדיק אויף דעם וויי געשריי פון פאעט אין איכה — „נתנני שוממה, כל היום דוה“ — ער האט מיין געזונט פארוויסט, א גאנצן



טאג מיך צעווייטאגט. (איכה א׳) וואס וויל זאגן : די גזרה פון דער גלות ווייטאג איז נאר געווען אויף איין טאג פון אלמעכטיקן, וואס איז טויזנט יאר, און ערשט אין אווענט פון די צווייטע טויזנט יאר איז די פעסטגעשטעלטע צייט פון דער גאולה. ארויסגעדרינגען דעם אויספיר פון די פעסטגעשטעלטע צייט האט רבי אלעזר בן ערך פון דעם ווייטער ציטירטן אויסדריק אין זכריה הנביאס נביאות.

מיט דער הילף פון א פאעטישן משל האט זכריה הנביא געשילדערט דעם מצב פון פאלק ישראל אין די לעצטע טויזנט יאר גלות. ער זאגט — „אין יענעם טעג וועט מען ניט זען קיין ליכטשטראל, א שווערער פארגליווערטער נעפל וועט אנפילן דעם חלל, ניט דורכרייסן וועט זיך קיין שימער פון דער זון און קיין בלישטש פון א שטערן, „והיה לעת ערב יהיה אור“ — ערשט צו די אווענט צייט וועט ליכטיק ווערן. (זכריה י״ד) אזוי ווי דער אנטרעף פון טערמין „ערב“ אין העברעיש איז צוויי הונדערט צוויאונזיבעציק, האט רבי אלעזר בן ערך אנגענומען, אז זכריה הנביא איז מיט דער צאל פון טערמין ערב מרמז די צייט פון דער אויפליכטונג. (ילקוט שמעוני זכריה י״ד) דאס הייסט : צוויי הונדערט צוויאונזיבעציק יאר פארן סוף פון די זעקס טויזנט יאר ציוויליזאציע, אדער הייאר — תשכ״ח — פינף טויזנט זיבן הונדערט אכטאונצוואנציק יאר פון י.צ.ר. איז דער אנהייב פון ביאת המשיח און גאולה שלמה.

אויך דער זהר האט אויסגערעכנט אז דאס ערשטע יאר פון ביאת המשיח און גאולה שלמה וועט זיין הייאר — תשכ״ח — אבער, ווי עס ווייזט זיך ארויס האט דער זהר אנגענומען אז גאולת הארץ וועט זיך אנהייבן פריער. אין איינקלאנג מיט די נביאות פון זכריה הנביא באשרייבט דער זהר די צרות פון ימות המשיח. — „בכה רבי שמעון ואמר ווי דגלותא אתמשך“ — וויינענדיק האט רבי שמעון געזאגט, וויי איז וואס דער גלות פארציעט זיך און ווער קאן אים פארטראגן ? ווי שווער איז דער ענין און לאנג די צייט, וויפיל צרות איבער צרות האבן די שונאי ישראל אנגעגרייט אין גלות, וויפיל בעסטיעס וועלן געוועלטיקן און וויפיל וועט זיך זיי איינגעבן צו פארשלונגען פארצוקינגען פון פאלק ישראל דור נאך דור ביז צו די לעצטע צייטן, ביז די גאולה וועט קומען צום סוף פון די זעקס טויזנט יאר ציוויליזאציע ? וואס וועט גלייך ווי אין די לעצטע שעהן פון טאג איידער די זון נייגט זיך צו מעריב פארן אונטערגיין. דערנאך האט רבי שמעון געברענגט עטלעכע רמזים פון תנ״ך, וואס לויט זיי וועט דער אווענט און די גאולה זיך אנהייבן אין יאר — תשכ״ו — פינף טויזנט זיבן הונדערט זעקס־אונצוואנציק פון י.צ.ר. (זהר בלק — „אראנו ולא עתה“—)

און די געשעעניש פון פאריקן יאר וואס האבן צוגעפירט צו די זעקס טאגיקע מלחמה פון סוף חדש אייר אדער אנפאנג יוני, זען אויס צו זיין א באשטעטיקונג אז דער חשבון פון רבי שמעון אין זהר איז ריכטיק געווען. דער אומדערווארטער און אומגעהוירער נצחון פון דער ישראל ארמיי איבער די פאראייניקטע אראבישע ארמעען, באוואפנט מיט מאדערנסטע סאוויעטישע

כלי זין, האט טאקע געבראכט די טאטאלע גאולת הארץ, אלע הייליקע פלעצער פון אמאליקן מלכות בית דוד זענען באפרייט געווארן פון פרעמדער העגעמאניע. אחוץ דעם, די אומגעריכטקייט פון דער אויסערגעווענלעכער געשעעניש, וואס איז געווען א פועל יוצא פון דער אומוויליקייט מצד מדינת ישראל צו לעזן אירע פראבלעמען דורך א מלחמה קעגן אירע שכנים, בארעכטיקט אנצונעמען אז די הערשער פון די אראבישע לענדער און זייערע קאמוניסטישע אונטערשטיצער זענען געטריבן געווארן פון אן איבערנאטירלעכע מאכט צו פארטשעפן מדינת ישראל אין די פעסטגעשטעלטע צייט פון דער גאולה.

אבער ווען אנדערע פעלקער באפרייען זייער לאנד פון פרעמדער העגעמאניע ווערן זיי זעלבסט גלייכצייטיק באפרייט, ניט מיר יידן. ווייל מיר האבן פארלאזט אונזער לאנד, אדער זענען פארטריבן געווארן, געפונט זיך דער גרעסטער טייל פון אונזער פאלק פארשפרייט צווישן די פעלקער פון דער וועלט, דארף דעריבער נאך גאולת הארץ ערשט קומען גאולת העם: די באפרייאונג פון יידישן פאלק, א גרויסער טייל פון גלות יידנטום זאל פארלאזן די דיאספארע און זיך באזעצן אין מדינת ישראל. די מעשה איז וואס די איבערזידלונג קאן נאר זיין א פרייוויליקע, ווייל ווען אפילו יידן זענען געצווונגען צו פארלאזן א גלות לאנד אימיגרירן זיי נאך ניט קיין ישראל, נאר אהין ווו מען לאזט זיי אריין, אזוי ווי צענער טויזנטער האבן געטוען די לעצטע צוואנציק יאר. און האפן אז זיי וועלן קומען קיין ישראל, ווייל מען וועט זיי ניט אריינלאזן אין אן אנדער לאנד, איז א פארברעך צו דענקן.

דאס, אז דאס יידישע פאלק דארף פרייוויליק פארלאזן די גלות לענדער און זיך באזעצן אין זייער ירושה לאנד ווען די פעסטגעשטעלטע צייט פון קיבוץ גלויות וועט קומען, איז טאקע די מיינונג פון די חכמי התלמוד. דער מקור געפונט זיך אין דער פריער ציטירטע פסיקתא רבתי, אבער אין א צווייטן מאמר פון זהר ווערט דער אויספיר קלארער און שטארקער באטאנט. אזוי ווי די פסיקתא רבתי האט דא דער זהר אויסגערעכנט אז די צייט פון קיבוץ גלויות איז געווארן פעסטגעשטעלט אנצוהייבן הייאר — תשכ״ח — און דער זהר ברענגט נאך אנדערע רמזים פון תנ״ך צו באווייזן אז צוויי הונדערט צוויי־אונזיבעציק יאר פארן סוף פון די לעצטע טויזנט יאר ציוויליזאציע אדער ימות המשיח דאס הייסט: הייאר — תשכ״ח — וועט זיך אנהייבן דער קיבוץ גלויות. (זהר שיר השירים — „השבעתי אתכם בנות ירושלים אם תמצאו״)

די קלארערע באטאנונג אין צווייטן מאמר פון זהר איז אויף דעם פסוק אין שיר השירים „עד שיפוח היום ונסו הצללים״ — ביז פארוויען וועט דער טאג און אנטרינען וועלן די שאטנס, וועל איך צוריק גיין צום מור בארג. (שיר השירים ד׳) דער זהר דערקלערט פאר רבי חייא — „לית שולטנו לאומין עלייהו דישראל אלא יומא חדא לחוד״ — די הערשאפט פון די אומות אויף ישראל איז נאר אויף איין איינציקן טאג, דאס מיינט א טאג פון אלמעכטיקן וואס איז טויזנט יאר — די ערשטעטויזנט יאר פון ימות המשיח. ווען די טויזנט



יאר וועלן פארגיין און די לעצטע טויזנט יאר פון ימות המשיח וועלן אנקומען וועט דאס יידישע פאלק פריי זיין צוריק צו קומען קיין ארץ ישראל. דעריף האט רבי יוסי געזאגט — „אי יתיר ישתעבדין לא על פום גזרת מלכא הוא אלא על דלא בעיין למיהדר לקבליה״ — אויב דער ששעבוד פון גלות וועט לענגער דויערן, וועט עס ניט זיין א גזרה פון אלמעכטיקן, נאר ווייל זיי ווילן ניט פארלאזן די גלות לענדער און צוריק קערן. (זהר שיר השירים ד׳)

פון די ציטירונגען איז צו זען אז מען האט, לויט דער פסיקתא רבתי און לויט דעם זהר, געגעבן דעם יידישן פאלק זיבן הונדערט זעקסאונצוואנציק יאר, פון די לעצטע טויזנט יאר ימות המשיח, צו באפרייען דאס ירושה לאנד פון פרעמדער העגמאניע און זיך דארט באזעצן, דאס זאל האבן געווען דער דרש פון רבי יהושע בן לוי אויף דער אומפארשטענדלעכע נביאות פון ישעיה. (ישעיה ס׳) ער האט דערקלערט „זכו אחישנה״ — אויב דאס יידישע פאלק וועט באפרייען ארץ ישראל און זיך פרייוויליק דארט באזעצן אין משך פון די זיבן הונדערט זעקסאונצוואנציק יאר, וועט די גאולה זיין א צוגעיאגטע, און „לא זכו בעתה״ — אויב ניט, וועט די גאולה קומען אין דער פעסטגעשטעלטער צייט, אין אוונט פון די טויזנט יאר, דאס הייסט: נאך די זיבן הונדערט זעקסאונצוואנציק יאר, אדער נאך — תשכ״ו — וועט ירושלים און אלע הייליקע פלעצער באפרייט ווערן פון פרעמדער הערשאפט, וואס מיר, דער שארית הפליטה פון היטלעריסטישן גיהנם, האבן טאקע דערלעבט צו זען. און דערנאך, הייאר — תשכ״ח — זיבן הונדערט אכטאונצוואנציק יאר פון י.צ.ר., איז דאס ערשטע יאר פון גאולת העם — פון פרייוויליקע פארלאזונג די גלות לענדער און באזעצונג אין ארץ ישראל.

כדי אנצופילן די באפרייטע מדינת ישראל מיטן יידן איז נויטיק, אז אין די קומענדיקע צוואנציק יאר זאלן מינסטענס צוויי מיליאן פון דער יידישער יוגענט אין דער דיאספארע פארלאזן זייערע געבורטס לענדער און זיך דארט באזעצן. אבער ווי שוין פריער אנגעוויזן איז די איבערזידלונג נאר צו דערווארטן פון פרייוויליקע, און לויט די פריעריקע ציטירונגען פון פסיקתא רבתי און זהר האט מען טאקע געהאפט אז די עליה וועט זיין א פרייוויליקע. מען דארף דעריבער פארטראכטן זיך אין דעם ענין, כדי פעסטצושטעלן וועלכער טייל פון גלות יידנטום האט די פאטענץ און דראנג צו ווערבירן פון זיך פרייוויליקע פאר אימיגראציע קיין ישראל? על פי שכל פארלאזט א מענטש זיין געבורטסלאנד, ווו ער האט פריינד און א באשעפטיקונג, און באזעצט זיך און אן אנדער לאנד צוליב איינע פון די צוויי סיבות — ווייל אין דעם אנדערן לאנד זענען די עקאנאמישע באדינגונגען בעסער, אדער אין דעם אנדערן לאנד קומט ער צום ציל פון זיין אידעאליזם. פארשטייט זיך, אזוי ווי מדינת ישראל איז דערוויל ניט דערוואקסן צו קאנקורירן מיט די עקאנאמישע באדינגונגען אין אמעריקע און אפילו ניט מיט די — פון די מעריב אייראפעישע לענדער, בלייבט נאר איבער אידעאליזם צו זיין דער איינציקער באוועגער פון א פרייוויליקע אימיגראציע.

אמת אויך ביז איצט איז אידעאליזם געווען די איינציקע מאגנעטישע קראפט וואס האט געצויגן קיין ארץ ישראל, אבער דער אידעאליזם איז געווען א נאציאנאלער, וואס אפילו אין דער ריינסטער פארעם איז א פראדוקט פון אויסערלעכע אומשטענדן, דער אידעאליזם פון שיבת ציון אין צארישן רוסלאנד איז אנטשטאנען וועגן די פארפאלגונגען פון יידן, און דער הערצל ציוניזם — וועגן דעם דרייפוס פראצעס אין פראנקרייך, דאס האט מסתמא גע־פירט דערצו, ווען זייער לאגע אין מדינת ישראל איז געווען א שלעכטע און זיי האבן געהאט בעסערע אויסזיכטן אין אנדערע פרייע לענדער, אז א טייל פון זיי זאל אויסוואנדערן. דעריבער כאטש נאציאנאלער אידעאליזם איז געווען די טרייב קראפט פון בנין און גאולת הארץ, דארף מען האבן ספקות, ווען אפילו אנטיסעמיטיזם וועט זיך פארשטארקן אין מאנכע פון די איצטיקע פרייע לענדער, צי עס וועט שאפן א נייע שיבת ציון באוועגונג, אדער מען וועט זיך ווידער באזעצן אין אנדערע לענדער?

מחמת דעם וועט זיין שכלדיקער צו דערוועקן א רעליגיעזן אידעאליזם, אז אין די קומענדיקע צוואנציק יאר זאל מינסטענס צוויי מיליאן פון די רעלי־גיעזע גלות יוגנט פארלאזן די דיאספארע און זיך באזעצן אין מדינת ישראל. פאקטיש איז אונזער אלטע ליטעראטור פול מיט א רעליגיעזע שיבת ציון לעכצונג, אבער אזוי לאנג ווי ארץ ישראל און די הייליקע פלעצער פון ירושלים זענען געווען אונטער דער העגעמאניע פון פרעמדע הערשער, האבן טראַ־דיציאנעלע יידן אין דער דיאספארע ניט מער געקאנט טוען ווי זאגן — „ואף על פי שיתמהמה, עם כל זה, אחכה לו בכל יום שיבא" — כאטש משיח האלט זיך אויף, דאך דערווארט איך זיין קומען איטלעכן טאג. (אני מאמין) איצט נאך דער באפרייאונג פון גאנץ ארץ ישראל און די הייליקע פלעצער פון ירושלים, וואס איז בפירוש לויטן רמב"ם — דעם מחבר פון אני מאמין — דער איינציקער באווייז פון ביאת המשיח, (הלכות מלכים פי"ב) איז חל אויף דעם רעליגיעזן יידנטום אין די גלות לענדער די שבועה פון „שלא ירחקו את הקץ" — ניט צו דערווייטערן דעם קץ: ניט צו בלייבן אין גלות ווען די פעסטגע־שטעלטע צייט פון דער גאולה וועט קומען. (כתובות קי"א, מהרש"א)

אזוי ווי דער נביא ירמיה, ווייסנדיק ווען דער גלות בבל וועט זיך ענדיקן, האט אריינגעהאמערט אין די מוחות פון די פארטריבענע ניט צו פארגעסן די פעסטגעשטעלט צייט פון דער גאולה, אזוי דארפן איצט די רבנים און רביים אריינהאמערן אין די מוחות פון רעליגיעזן יידנטום אז די פעסטגעשטעלטע צייט פון קיבוץ גליות האט זיך אנגעהויבן. ירמיה הנביא האט געשריבן צו די יידן אין גלות בבל — „בנו בתים ושבו" — בויעט הייזער און וווינט אין זיי, פלאנצט גערטנער און עסט זייערע פרוכטן, נעמט ווייבער און געבערט קינ־דער... זוכט דעם שלום פון לאנד ווו אהין איך האב אייך פארטריבן... אבער הערט ניט, וואס די בעלי מופתים און בעלי חלומות זאגן אייך, אז דער גלות וועט זיין א לאנגער, הערט ניט די ליגנערישע רייד וואס זיי רעדן אין נאמען פון גאט אין אמתן — האט גאט געזאגט — ווען זיבעציק יאר וועלן



פול ווערן אויף בבל, וועל איך זיך דערמאנען אן אייך און וועל מקיים זיין מיין גוטן צוזאג, אייך אומצוקערן צום לאנד פון אייערע אבות. (ירמיה כ"ט)

אז לויט די פסיקתא רבתי און דעם זהר איז הייאר — תשכ"ח — דער אנהייב פון קיבוץ גליות האט מען שוין פריער עטלעכע מאל אנגעוויזן, און אז דער רמב"ם זאגט בפירוש — דער איינציקער באוויז פון ביאת המשיח וועט זיין די באפרייאונג פון ארץ ישראל און ירושלים איז אויך שוין פריער באטאנט געווארן, וואס מען דארף נאך דערקלערן איז — דער באזיס און צוועק פון רעליגיעזן שיבת ציון אידעאליזם. אין א ברייתא ווערט געפסקנט אז „לעולם ידור אדם בארץ ישראל אפילו בעיר שרובה עובדי כוכבים ואל ידור בחוץ לארץ אפילו בעיר שרובה ישראל" — שטענדיק זאל א מענטש ענדער וווינען אין ארץ ישראל אפילו אין א שטאדט ווו די מערהייט פון דער באפעלקערונג איז געצנדינער, איידער וווינען אין חוץ לארץ אפילו איז א שטאדט פול מיט יידן, ווייל וווינען אין חוץ לארץ איז גלייך ווי זיין א געצנדינער. דוד האט עס אזוי באטראכט בעת ער איז אנטלאפן פון ארץ ישראל וועגן דער שנאה צו אים פון שאול המלך. ער האט געזאגט — „כי גרשנו היום מהסתפח בנחלת יי לאמר לך עבוד אלהים אחרים" — זיי האבן מיך היינט פארטריבן פון דער באהעפטונג אין דער נחלה פון גאט, זאגנדיק, גיי דין פרעמדע געטער. (שמואל־א. כ"ו) און ווי מהרש"א פירט אויס, ווייל אין חוץ לארץ דינען מען עבודה זרה איז וווינען אין חוץ לארץ פאררעכנט ווי געצנדינסט. (כתובות ק"י)

דער אויספיר פון מהרש"א איז אין איינשטימיקייט מיט דעם וואס רבי ישמעאל האט דערקלערט, ער האט געזאגט — „ישראל שבחוץ לארץ עובדי כוכבים בטהרה הן" — די יידן אין חוץ לארץ דינען עבודה זרה מיט כשרות: זיי פייערן די חגאות פון העלדן וואס האבן באפרייט די לענדער ווו זיי וווינען, כאטש זיי עסן כשרע מאכלים איז אזוי גוט ווי זיי וואלטן געגעסן פון „זבחי מתים — קרבנות מקריב געווען צו עבודה זרה. (ע"ז ח')

אמת רבי שמעון בן יוחי האט געזאגט — „בוא וראה כמה חביבין ישראל לפני הקב"ה שבכל מקום שגלו שכינה עמהן" — קומט און זעט, ווי טייער די יידן זענען צום אלמעכטיקן, ווו אהין מען האט זיי פארטריבן איז די שכינה מיט זיי... אבער אין דער איצטיקער צייט איז וויכטיק דער סוף פון מאמר — „ואף כשהן עתידין ליגאל שכינה עמהן... שב עמהן מבין הגליות" — און אויך ווען זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן וועט די שכינה זיין מיט זיי, זיך אומקערן מיט זיי פון גלות. (מגילה כ"ט) און ווי רבי שמעון זאגט אין זהר איז איר פאזיציע אין די גלות לענדער א זער נידיריקע, — „דאיהי חשיבא בגלותא כמצורע" — די שכינה אין גלות איז אזוי ווי א מצורע, וואס זיצט מחוץ למחנה; ווייל זי איז דרויסן פון ארץ ישראל, (סדר ליל יום כפור „קם רבי שמעון") וועט זי ארויסגעשטויסן דורך די חוץ לארצדיקע געטער פון דער יידישער מחנה. ז

דער ווייטערדיקער מאמר פון זהר באלייכט דעם ענין נאך קלארער. דער זהר דערקלערט — „קודשא בריך הוא וכנסת ישראל אקרי אחד" — דער

זינג איך בלויז פון לעבענס מאטער,
פון לייד און פון פיין אזאטער . . .

## עלא זילבערג

### זינגט א פויגל . . .

זינגט א פויגל,
פרי באגינען,
זינגט ער אזוי שיין,
און פון א צימער,
שטיל פארבארגן,
הערט זיך א געוויין.

וויינט א מוטער,
שטארק און ביטער,
גרויס איר שמערץ און פיין,
ניטא מיט וועמען,
זיך צוטיילן,
ווער זאל זי פארשטיין.

אויסגעשאכטן
אירע קינדער,
און איר מאן מיט זיי,
דא אליין איז זי
פארבליבן,
אז אך איז איר און וויי.

זינגט דער פויגל,
העכער שענער,
פיל די וועלט מיט פרייד,
ליובט דעם בורא,
פאר זיין גורל,
פליגלען ווייט צושפרייט.

נעמט די זון זיך,
בלאס באוויזן,
ווערט פארשטומט זיין ליד,
מאכט די אויגן צו,
די מוטער,
אויסגעמאטערט מיד.

פליט דער פויגל,
הויך אין לופטן,
קוקנצן ער באווייסט,
און אין שטובל,
א נשמה,
ענדלעך אויסגעלייזט.

## א. נ. שטענצל

### בראשית — און אנהייב (שלוס פון קאפיטל)

4

ווי לאנג קאן מען זיך ארומשלענדערן אן א ציל? כ׳האב מיך געדרייט און געדרייט ביז כ׳בין ווידער ארויסגעקומען אויף דער אויגוסט־שטראסע; געפינען זיך דאך צענדליקער, הונדערטער אזעלכע ארום דעם יידישן ארבעטסאמט, ארום דער סטודענטן־קיך — מ׳שלעפט זיך ווי געצויגן פון עפעס א קראפט, ווי די שפילקע־קעפלעך, וואס זאמלען זיך ארום א מאגנעט. כ׳בין אבער שנעל אדורך דעם אמט, דעם ערשטן שטאק וואו ס׳האט געראישט ווי אין א בינשטאק, מיך אפגעריסן ווי באגעוואלד פון דער חברה, פון דעם זשומענדיקן שווארם, און בין ארויף די צוויי שטאק העכער צום סאמע בוידעם ארויף, צו צוויי שטיגן מיטאמאל נעמענדיק — צו שמואל לעווין. און דאס איז געווען דער ציענדיקער פונקט, וואס האט מיך צוריק דא אהער געפירט?

כ׳בין דירעקט ווי ארייננגעפאלן אינם אפענעם „בוידעם־טירל“. ווען נישט דאס האלצערנע געלענדערל אויבן ביים שלוס פון די געגומענע צוויי שטיגן, וואלט איך זיכער מיט איין „שפרונג“ צוריק, מסתם „אזוי אראפ ביז אונטן — כמעט דירעקט ביי דער אפענער טיר, ביי א גאז־אויוון, איז געשטאנען



א פרוי, א נידריקע, א שמעכטיקע, אן אפגעצערטע, ווי זי וואלט אדורכגעמאכט אקארשט א שווערע קראנקייט, אבער מיט א קאפ פון א שטאלטנער פרוי, ווי ער, דער קאפ, וואלט גאר קיין שייכות נישט געהאט מיט דעם יונג־מיידלשן גופל, מיט א פנים מיט שארף איינגעשניטענע שטריכן און זיך געפארעט ביי א דריי־פיר פארעדיקע טעפעלעך.

מיך דערזעענדיק, האט זיך דער ברייטער אשת תלמיד־חכם שטערן שארף געקנייטשט, אבער אויף די ביטער־פארקנייטשטע ליפן האט זיך באוויזן א ברייטער שמייכל.

אויף דער נאקעטער פאדלאגע איז געזעסן א יינגל פון א פינף־זעקס יאר, אינגאנצן אויסזעענדיק ווי שמואל לעווין — דער טריבער טרויער צומאל אין די יונגע, פארזשמורעטע אייגעלעך! דאס יינגעלע איז געזעסן ווי א דערוואקסענער ביי אן ארבעט, ביי א קאסטן קאלירטע בליישטיפטן און א העפט צום ריסעווען און פארטיפט געצייכנט און געקלעקט.

ביי מיין ארייננקומען אין דער אפענער טיר — זי איז משמעות געשטאנען אפן, כדי פארע פון די קאכנדיקע טעפלעך זאל זיך נישט אנזעצן אויפן נידריקן באלטן און ווענט, פרימיטיוו געקאלעכטע, ווארום בסך־הכול איז דאס מסתם געווען א בוידעם, וואס איז אויף גיך פארוואנדלט געווארן אין א קיך און וואוין־צימער — איז אין דער שטילער שטוב געווארן א שטיקל באוועגונג, און תיכף ומיד באותה הרגע האט זיך דערהערט ווי א בת־קול פון א טיר אין דער אקייגנאיבערדיקער וואנט א שטימע, וואס האט געקלונגען ווי א ווארנונג, ווי א דערמאנונג, „שיינדל?“

האב איך פארשטאנען, אז די שטייענדיקע ביים אויוון איז פרוי לעווין. זי איז שוין אויפגעשטאנען נאך איר שווערן, נישט געלונגענעם האבן, און דאס יינגעלע אויף דער נאקעטער פאדלאגע — „מיין קליינער זון, דער קינסטלער“.

דאס פנים פון דער פרוי, וואס האט מיטן גרויסן קאפ־האר, א קוים צוזאמענגעהאלטענעם מיט קעמלעך און האר־נאדלען, ווי געשוועבט איבער דעם שמעכטיקן גופל, דאס פנים וואס איז באשטאנען ווי פון כמה טיילן, האט מאמענטאל באקומען אן איינהייטלעך אויסזען; די אשת תלמיד־חכם קנייטשן זיינען אראפ פונם שיינעם שטערן, די שארפע נאז איז ווי קלענער געווארן און די ליפן, ווי פארבייסנדיק זיך, האבן יונג־מיידליש פארשעמט געשעפטשעט: „מיין מאן שאפט אציגד“ . . . און דאס שעפטשען האט געקלונגען ווי א געבעט: כ׳בעט אייך, דרינען גייט מען שווער צום האבן . . . איר ווייסט דאך יעדע געבורט, אפילו א נישט געלונגענע, גייט אן מיט גרויסע ווייען . . .

פון איר בליק האב איך פארשטאנען, אז זי ווייסט ווער איך בין, ווארום עס איז געווען ווי פון א קאלעגע צו א קאלעגע — זי איז געווען אזוי מיטבאטייליקט אינם „שאפן“ פון איר מאן אין דער אפגעשלאסענער שטוב און „פון יונגן זון, דעם קינסטלער“, אז זי האט זיך געפילט אליין ווי א „קאלעגא פא פאכו“:

„איר זעט דאך, קאלעגע שטענצל“, און בשעת מעשה א ווייז געטון, ווי רעזיגנירט, מיט א בליק צו דער טיר, „מיין מאן וועט זיך זיכער פרייען מיט אייך... קומט דאך אריין אין א שעה ארום... מיין מאן שאפט תמיד ביז איינס אזייגער“...

אפנים, די לעצטע ווערטער זיינען דאך צו הויך ארויסגעזאגט געווארן, ווארום מאמענטאל האט זיך די טיר מיט א האסטיקן פראל אויפגעריסן און צווישן די ביישטידלעך איז געשטאנען, מיט פארקאטשעטע ארבל איבער די קורצע ענערגישע ארעמס, מיט א צעשויבערט־צעפאטלטן קאפ, נישט שמואל לעווין, דער מיט די שטייפלעכע מאניערן, נאר א פראמעטויס, וואס איז געשטערט געווארן אינמיטן פון זיין שאפן אלץ וואס איז נאך געבליבן אין אים, אין דעם מענטשלעכן לעווין איז געווען דאס פארקראמפטע, ווי פון שמערץ, וואונדיקע מויל, וואס האט געוואלט גוואלדיק אויפשרייען, אבער עס האט נישט אויפגעשריגן — א באפרייטער ווי פון עפעס א שווערן עול, וואס וואלט אים מיטאמאל אראפגעפאלן פון זיינע אקסלען, איז ער צוגעקומען צו מיר און מיך אריינגעפירט אין זיין ארבעטס־צימער —

דריי נישט־פארבעטע פארשידנערליי בעטן פארנעמען די גאנצע לענג פון דער וואנט. אז מ׳האט פארמאכט די טיר, האט מען דערזעען א גרויסע קליידערשאנק און הינטער איר, ווי אין א חדר מיוחד, איז געשטאנען דער „שרייב־טיש“ —

א פיר פיסיק געשטעל, צוויי „קאזיאלעס“ מיט א דריי־פיר ברעטער דערויף, באלייגט מיט גרין לעש־פאפיר, באקלאפט מיט מעשענע נעגעלעך און אלע מינים אינטעגזיליען, אלע חפצים, וואס זיינען נוגע צום שרייב־פאך זיינען געלעגן דערויף אין גרויס ארדנונג. נישט נאר האלטערס און פעדערן כלערליי ארום א טינטארן און בליישטיפטן מכל־המינים פריש־אנגעשפיצטע פון „דער נאדל ארויס“, נאר א בליי־שניצער, א מעקער און א קלעקער, א ליניע, א פלעשל גומי־אראביקע מיט א פענזעלעקל: שטויסן העפטן און א פאפיר־שטויס געשניטן אין זייטלעך.

דאס בענקל ביים „טיש“ איז געווען זייטיק האלב־אויסגעדרייט. לויט ווי ס׳איז געשטאנען האט מען נאך ממש געזען דעם כעסדיקן אויפשפרונג פון דעם, וואס איז דערויף געזעסן און „געשאפן“ — דאס אנגעהויבענע זייטל פאפיר האט ווי נאך געגלאנצט מיט די נאך נישט־אויסגעטרוקנטע פאר שורות.

און ווי געפערלט זיי האבן מיט די צווייערליי אותיות גרעסערע און קלענערע, די קלענערע זיינען געווען אין קלאמערן — דאס האט ער געהאלטן אין שאפן — אין שרייבן און איבערשרייבן — זיין דראמע „אין גלות“.

מיין בליק איז געפאלן אויפן צעניזיקטן איבסן־בוך, וואס איז געלעגן אויפ טיש ווי א מין קמיע, א סגולה, ס׳איז אבער שוין געווען פארראכטן און ווי פריש־איינגעבונדן.

דערזעענדיק ווי מיין בליק איז געפאלן אויפן דיקן איבסן־בוך, ווי דערזעענדיק אן אייגענעם, א באקאנטן, האבן זיך זיינע טרויעריקטריבע אויגן



צעפינקלט: „איר זעט דער איבסן איז צוריק א לייט... ביי מיר מוז אלץ זיין טיפ־טאפ, קודם ארדנונג... מסתם דערפאר בין איך א דראמאטיקער — יעדער זאץ טרעט אויף זיין פלאץ און אין זיין צייט“.

„יא, הסדר הוא חצי מלאכה“, ווארף איך אריין א מאמר החכם, כדי עפעס צו זאגן.

„יא, איר מאכט מיר שוין א קאמפלימענט נאך איידער איר האט עפעס געזען פון מיר... אבער קאלעגע שטענצל, דאס איז נישט קיין מלאכה“, ווייזט ער אן אויפן אנגעשריבענעם, בשעת ער מאכט זיך צורעכט דעם קינסטלער־שלייף און גלעט זיך צו דאס צעקנייטשטע גלאנציק־אויסגעריבענע רעקל: „דא ליגט מיין הארץ־בלוט, איר זעט עס איז נאך פייכט“.

ווען מיר זיינען ארויס פונם „ארבעטס־צימער“ איז ער געווען אין פארם, אין זיין גאנצער שטייפלעכער האלטונג — גאנץ שריפטשטעלער.

אין קיך איז נאך אלץ געזעסן דאס ייִנגל אויף דער געלער פאדלאגע און „געשאפן“ און די פרוי, אויסגעדרייט ביים אויוון, א פארטוענע, צי זיך געמאכט אזוי ווי זי וואלט זיך געפארעט ביי די טעפלעך.

די וואוינונג ביי לעווינען איז געווען אזא, אז אלע זיינען מיט־אריינגעצויגן געווארן אין קרייז פון שאפן, יעדער אויף זיין אופן; אלץ איז געווען אזוי צוגעשפיצט אויף דעם איינעם פונקט, אז אפילו דער פרעמדער, דער גאסט אויף א ווייל, איז מיטאריינגעצויגן געווארן — מען האט נישט געשפירט דעם דרוק פון א ווילן, ווייל שמואל לעווין איז אליין געווען אונטער אן השפעה, און אונטער א שטייפן דרוק.

ווען מיר זיינען ארויס דורך דער אפענער קיך־טיר, האט ער נאך געהאט צייט „צו מאכן“ א רעזאלוציע, אזוי, אז איך, וואס בין מיט אים געגאנגען, זאל זי הערן און די אויסגעדרייטע „שיינדל“ ביים אויוון: „קאלעגע שטענצל בלייבט ביי אונז צום מיטאג“.

כ׳האב אים באגלייט צום שאריטע־שפיטאל, וואו מ׳האט אים געמאכט זיינע טאג־טעגלעכע טובערקולאז־איניעקציעס.

מיט זיין שטארקן כאראקטער און ווילן האט ער געזוכט גובר צו זיין אלע שוועריקייטן פון זיין לעבן, אלע שטרויכלונגען, וואס זיינען אים אקייגנגעקומען, בייצוקומען און אריבערשפרינגען — עס האט אויסגעזעען ווי דאס „שאפן“ איז אויך אזא לעבעדיקער מיקראב, וואס שטעקט אן...

ער האט נויטיק געהאט א קרבן, א פנים חדשות, א נייעם מענטש, וואס זאל ווערן איבערצייגט אין דעם, וואס ער טוט און אזוי זאל זיין אייגענע זיכערקייט אין זיך נאך געשטארקטער ווערן און ער האט מיך נישט אפגעלאזט —

די געטער האבן, אפנים, אויך נייטיק די מענטשן, כדי זיי זאלן קאנען ווייטער אנגיין מיט זייער שאפן...

דער וועג צוריק איז געווען דורך רוישיקע גאסן און געסלעך, און ער האט אלץ געהאלטן אין איין ריידן וועגן קונסט, וועגן הומאניזם, וועגן די שטרויכלונגען עס צו דערגרייכן — „מיר יידן מוזן עס אבער דערגרייכן, אויב מיר

ווילן לעבנבלייבן".

זיינע שטייפע, קורצע באוועגונגען זיינען, מסתם, דיריגירט געווען פון די אבסטראקטע ווערטער, וואס ער האלט אין איין געברויכן! האב איך אים געקוקט אין זיינע טריב־טרויעריקע אויגן און אין דעם ווי א וואונד פארקראמפט מויל, וואס האלט אין איין ריידן, די רוישיקע פרידריך־שטראסע באטש איבערצושרייען: וואונדערלעך, ווי א קראנקער, פארוואגלטער מענטש, מיט אן עול־משפחה, קלאמערט זיך מיט די לעצטע כחות צו גרויסע, שטארקע זאכן און דאס גיט אים א לעבנס־ווילן און אלע, וואס ארום אים, ווערן געשעמפלט פון זיין השפעה.

צוריק ארויפקומענדיק אין דער אויגוסט־שטראסע אין לעווינס וואוינונג, איז שוין דאס עלטערע יינגעלע, דאס זיבן יאריקע, וואס גייט שוין אין דער שולע, געווען אין דער היים צום מיטאג.

„איר זעט, דאס איז מיין שריפטשטעלער, מיין עלטערער זון... איר מוזט אייך באקענען מיט זיין סטיל"... און שוין זיינען ביידע קינסטלער געשטאנען גרייט מיט זייערע שאפונגען, דער מיט זיינע שולהעפטן און דער מיט זיין ריסעווען.

„שפעטער, שפעטער ס׳וועט נישט קאלט ווערן:" האט די מוטער ביידע אוועקגעריסן, „די קארטאפל זיינען שוין איבערגעשטאנען".

די רעזאלוציע, אז איך בלייב צום מיטאג, איז דאך שוין געווען געפאלן נאך פאר אונזער אוועקגיין, נאר אז איך האב געגעבן אנצוגעהערן, אז איך וועל באלד מוזן אוועקגיין, ווייל כ׳מוז מיר באזארגן א נאכטלעגער פאר דער נאכט, האט לעווין א קלאפ געטון מיט דער האנט אינם טיש, ביי וועלכן מיר זיינען געזעסן, אז דער טיש קאן מיר שטיין צו פארפיגונג. „מען וועט שוין געפינען מיט וואס אויסצובעטן". „נישט, שיינדעלע, דער טיש קאן אינגאנצן זיין זיינער, בייטאג דינען צום שרייבן און ביינאכט צום שלאפן".

כ׳האב פרוי לעווין נישט געלאזט קומען צום ווארט: „איך מוז דאך אראפגיין וועגן ארבעט אין ארבעטס־אמט אדער ערגעץ־וואו פריוואט".

„איר זענט שוין ווידער דא מיט אייער ארבעט... מיר, קינסטלער, האבן גענוג ארבעט, מיר ברויכן נישט ערשט צו זוכן... פאר א קינסטלער איז נאר איין ארבעט פאראן — זיין שאפן! פת במלח תאכל ועל הארץ תישן און אנגיין מיט זיין שאפן... שטעלט אייך פאר איך האב נאך פאר א משפחה צו זארגן און —"

ער האט פלוצלינג אפגעהאקט ווי דער פאדים פון זיין געדאנק וואלט זיך איבערגעריסן. ער האט זיך געכאפט, כדי ווייטער שנעל אנצוהייבן:

„יא, איר ווילט דאך ארויפגיין צו שניאורן. איר ברויכט זיך נישט ערשט מטריח צו זיין ארויפצוגיין צו מאסטבוימען. איך קאן אייך דעם אדרעס געבן".

דער שמועס האט זיך אבער דאך מער נישט געקניפט. פרוי לעווינס פנים איז ווי נשתנה געווארן, עס האט ווידער אנגענומען זיינע כלערליי דימענזיעס.



מיט אן אראפגעלאזטן בליק איבער די פארשפיצט געווארענע נאז, האט זי מיט א ביטערקייט אין די פאזשמורעטע ליפן, מיט א פארטראכטן שטערן, וואס איז פון רגע צו רגע ממש גרעסער געווארן, זיך פאמעלעך אויפגעהויבן פון טיש. דאס גרעסערע יינגל האט פלינק זיך ארויסגערוקט דורך דער אפענער טיר, צוריקצוגיין אין דער שולע אריין און דאס קלענערע איז אהין צו זיינע בלייערס און זיך גענומען צו זיין „שאפן".

° ° °

אז כ׳בין ארויפגעקומען די ברייטע מירמלשטיין טרעפן, באלייגטע מיט דיוואנעס, בין איך געבליבן שטיין פאר א הויך־געשניצטער, גלאנציק־געוועקסטער טיר מיט א גלעקל. דאס וויזיטן־קארטל, וואס איז געווען אויסגעלייגט אזוי, ס׳זאל קלינגען הויך־פראנצויזיש, האב איך געלייענט אינם געדעמפטן ליכט, וואס איז געפאלן פון קאלירטע הימלפענסטער; די געשייערטע געלענדער־געזימסן האבן זיך נאך געצויגן ווער ווייסט נאך וויפל שטאקן נאך אין דער הויך.

די פארנעמע דאמע, וואס איז ארויסגעקומען אויף מיין לייכטן צי ביים גלעקל, אנקוקנדיק מיך מיט א פארוואונדערטן בליק, ווען זי האט געהערט אייך וועמען איך פרעג, האט זי דעם „שניאור" ארויסגעזאגט מיט א פראגעצייכן, וואס האט געקלונגען נאך פראנצויזישער און געבעטן ווארטן א מאמענט.

באלד האט זיך באוויזן אינם פיין־געשניצטן טיר־ראמען א געשטאלט מיט א שווארץ־געקרייזלטן קאפ־האר, מיט א פראנצויזיש־צוגעשניטן לאפאטע־בערדל. ווען נישט דער פארפיום־ריח, וואס איז געגאנגען פון דעם געשטאלט, וואלט איך באמת געקענט מיינען, אז דאס איז א פארטרעט פונם דיכטער זלמן שניאור, וואס זיין בילד האב איך געקענט פון זיינס א בוך. עפעס האט עס מיך געררייצט ווי צו אויפלאכן און מעגלעך, אז ער האט עס דערזעען.

פון די פיין־צוגעשניצטע, פריש־צוגעגלעטע, פארפיום נאך גלאנצנדיקע וואנסעס איז ארויסגעקומען א באס־שטימע: „וואס פארלאנגט איר?"

איינאטעמענדיק דעם פיינעם ריח, האב איך מיך דערמאנט אין שניאורס „מארגאריטקעלעך" און מיין פנים האט זיך היימישלעך צעשמייכלט: „כ׳האב געוואלט קענען לערנען דעם דיכטער פון אונזערע ׳מארגאריטקעלעך׳."

„פאזשאלוסטא", האט דער פארטרעט געענטפערט שוין אביסל מענטשלעך, מיט א טענאר־שטימע.

דאס צימער האט געפונקלט פון געשליפענע שפיגלען און פונם קריסטאלענעם ושיראנדאל. די פליושענע טשעסלאנען און פאטעלן האבן פארנומען דאס אויג. ער האט זיך געזעצט, ווי נאך אן „אויפטריט", ביי א מאהאגינעם שרייב־טיש, באשלאגן מיט גרינעם טוך, א פול־אנגעווארפענעם מיט צענדליקער קארעקטור־בויגנס און מיר אנגעוויזן אויף א זעסל. נישט הערנדיק די טריט מיינע אין דעם טיפן טעפיך, האט מיין צוגיין צום זעסל מיך געמאכט אביסל פארלעגן.

ער האט, מסתם, אינצווישן א דרוק געטון אויף א קנעפל אויפן שרייב־טיש, ווארום די טיר האט זיך געעפנט און די פארנעמע דאמע איז אריינקומען.

„ביטע שטארקן קאפע מיט קאניאק“, דער ארויסזאג איז נאך געווען מיט דער טענאר־שטימע, אבער צו מיר האט דאס קול שוין גערעדט היימיש־חבריש: „פון הימל האט מען אייך איצט דא אראפגעשיקט... איר זעט“ און מיט גרויסע, דערפרייטע אויגן, ממש יינגלשע, האט ער אנגעוויזן אויפן טיש: „דאס איז די קארעקטור פון מיינס א ניי בוך. איבער צוויי יאר האט עס זיך געצויגן... א קאמיטעט, א פלעגער... א חלשות איז זיך אנגעגאנגען! כ׳האב גענומען אין די אייגענע הענט אריין... יעצט וויל עס א פארלאג אפקויפן ביי מיר... ׳גשרים׳ רוף איך עס — מען מוז פארווארפן נייע בריקן, זאלן עס זיין פאפירענע, מיט אונזער רוסלאנד איז אויס... אויף דער אנדערער זייט ים הייבט זיך א ניי לעבן אן. ס׳איז דארטן דא איינער א לייוויק, אן אפאטאשו — צו דעם „גולם“ מוז מען זיך אויפסניי אונטערגארטלען“...

מיר טרינקען שוין די קאווע, ער דערלאנגט מיר צו פון שרייב־טיש א שאכטל פראליניעס; עס דויערט ביז איך שטרעק אויס די האנט ארויסצונעמען איינס. איך וויל איינווענדן: „בערגעלסאן“... ער לאזט נישט:

„אפשר טאקע עפעס שארפעס? א וואדקא, הא? ס׳איז היינט ביי מיר א יומא דפגרא, ׳שמייכלט ער...׳ א סיום הספר“. ער נעמט א פיר־עקיק שטיף קנאקעדיק פאפיר, ער קוקט, דרייט עס, באטראכט עס: „איר זעט פערגאמענט־פאפיר, אין דריי קאלירן די אותיות“.

איך קוק אן דעם גרויסן שניאור, געשניגלט און געביגלט, דאס צוגעשניצטע לאפאטע־בערדל געגלעט און פארפיומירט און ווי ער פריידט זיך ווי א קינד: „אין דריי קאלירן די אותיות!“ איך האב אים ליב און פיל די זכיה, וואס איך האב זוכה געווען צו פייערן מיטן גרויסן דיכטער אליין אזא סיום הספר... איך פיל, אז איך מוז מיך באהערשן, ווארום טרערן קאנען מיר זיך נאך שטעלן אין די אויגן...

אין דעם מאמענט פיל איך ווי שניאור באטראכט מיך און ער צעלאכט זיך: „אונזער איינעם וועט איר נישט נארן, איך זע דאך, אז איר האט א בוזעם־טאש מיט לידער. נעמט ארויס און לייענט פאר איינס לכבוד היום“.

אן שהיות האב איך ארויסגענומען א ליד און גענומען לייענען. ער קוקט אויף מיר, אן אויג פארקוועטשט זיך אים, די ליפן באוועגן זיך ווי בשעת פארזוכן א ווייַן און מען וויל זיך דערמאנען וואסער סארט ס׳איז — צי איז עס אפשר גאר ייִן־צימוקים?...

„קאנט איר ריכארד דעמעל? און פארוואס דווקא גראמען? איז נישט בעסער פשוט גערעדט ווי אין אונזערס א קאפיטל תהלים? איר האט עס אין זיך, דאכט זיך... דאס אוממיטלבארע... א גראם קאן אמאל קאליע מאכן ווי א שווארצע קאץ“. די לעצטע ווערטער זיינען געווען ווי גערעדט צו זיך...

פלוצלינג האט ער זיך א שטעל־אויף געגעבן, ווי ער וואלט מיטאמאל



דערפילט, ווי ער האט זיך מיט עפעס צופיל אפגעגעבן, אפשר גאר צופיל זיך אראפגעלאזן: „איר זעט דאך עס ווארט אויף מיר א קופע ארבעט“.

ער האט מיך ארויסבאגלייט אין קארידאר, געעפנט די טיר, געבליבן שטיין א ווײַלע און מיך אנגעקוקט געזאגט: „קומט ארויף אמאל א שבת פארנאכט. עס איז דאך פאראן א שעה, ווען מ׳האט נייטיק א מענטש“.

און ס׳איז געווען יענער אקטאבער־טאג, 1921, צומארגנס נאך מיין צוריקקומען פון שפרעוואלד א פארלוירענער, א פארלאזטער ווי אדם אן ארויסגעטריבענער פון גן־עדן, שלענדערנדיק אן ציל, אן ווילן, וואס דווקא דער טאג איז געווארן דער בראשית, דער אנהייב פון מיין אופן פון לעבן. און וויפל עס זאל זיך נישט ענדערן, עס איז אין תוך אלץ דער זעלבער ביזן היינטיקן טאג. צי ס׳איז אן „אופן“, „א לעבן“ — ס׳איז נאך אלץ א פראגע...

כ׳בין געווען צו אויפגערעגט, אראפקומענדיק פון שניאורן מיך אריינצוזעצן אין אן אונטערגרונט־באן, אין א טראמוואי... און איבערהויפט וואוהין נעמען א בילעט? טאקע ארויפגיין צו לעווינען און אויבן ביים קיך־טיש מיך אנידערזעצן און „שאפן“?... צו מאסטבוימען און אנהייבן אויפסניי? טרעפן גוסטען ביי די בראנשטיינס? שמואלס אבסטראקטע ווערטער טאר איך נישט הערן נאך א מאל, ווייל מיט יעדן מאל איבערחזרן ווערן זיי קלענער...

איך מוז מיך לאזן טראגן פון לעבן און יעדעס ווינטל זאל אויפשפילן אויף מיר זיין ליד... און וואס טיפער די וואונד — אלץ טיפער...

און דאס מיט די גראמען, איז ער גערעכט — זיי מאכן נאר שטייף די שורות! אין בעסטן פאל טוען זיי אן די ווערטער פראנצויזישע לאפאטע־בערדלעך... „צוגעשניצטע, פארפיומירטע“... לאך איך צו מיר.

יא, איך וועל ארויפגיין קומענדיקן שבת־פארנאכט.. איך האב געזען, ער וויל כ׳זאל ארויפקומען...

איך שלענדער, ווי זיי ענדערן זיך די גאסן! נאר ארויסצונעמען א בליישטיפט און אויפצושרייבן — בלויז דאס ליכט פון דער קלייזטשטראסע און פאטסדאמער־שטראסע ווי פארשידן... ווען מ׳קאן עס נאר גענוי כאפן! ווי ס׳רוישן די קליידער... יעצט גייט מען שוין, מסתם, פון די טעאטערס, פון דער אפערא...

ווער ווייסט ווי לאנג איך שלענדער מיך שוין אזוי? און מאדנע, ווידער ארויסגעקומען אויפן אלעקסאנדער־פלאץ! אין דער מינץ־שטראסע רייצן די שארפע ריחות, וואס שלאגן ארויס פון די קנייפעס... א שאד, א שאד, אריינצוגיין צו יאנטלען אין דער גרענאדיר־שטראסע כאפן א היימישן מאכל איז שוין צושפעט.

איך לאז מיך אריין אין די טונקעלע געסלעך. איך ווייס ערגעץ דא איז פאראן א מלינה, וואו דראשקאזשעס זיצן, נאכט־ארבעטער; פינסטערע פארשווינען, נאכט־פייגל טרעפן זיך דא; וואו פאר א גלאז טיי, פאר אן ארבעס־זופ קאן מען אפזיצן א האלבע נאכט.

די געסלעך זיינען פינסטער. פון ראג צו ראג הערט מען א שפרונג,

א געפּליסטער, א זידלווארט — עס ווערט אביסל אומהיימלעך, קאלעמוטנע! אבער שוין זע איך פונדערווייטנס א שיין, וואס שלאגט פון א טיר איינגע־הילט אין א פארע און אין רויך. צוקומענדיק צו דער טיר, שפּרינגט אונטער א פרוי:

„קאן איך מיטאריינגיין? איך האב נאך היינט נישט פארדינט אויף א גלאז טיי... די נאכט נעמט ארום מיט אזא שוידער".

„ביטע".

אין יענער נאכט האב איך געשריבן מיין ערשט ליד אן גראמען, וואס איז אריין אין מיין ערשטער לידער־זאמלונג, ארויס אין מענעס־פארלאג, לייפּציג, 1923.

## אין א ווייטשעפל געסל 1967

שטויב־געברויז, מ׳ווערט טויב פון הייבער און קראן,
ערשט בייזער געביל פון בולדאזער־מחבל;
באדעוועט מען ריזיק טורעם צום הימל,
אדער גאר שוין תיבה פארן גרויסן מבל?

כ׳געפין מיך מער נישט אויס דא אין דעם טומל —
פון א מנין געסלעך איין בלאק אויסגעגאסן!
א תיבה־קאסטן, טויזנט און איין פענסטער —
קאסמאס־„קאפסול" צום „ספּייס" ארויפגעשאסן:

ס׳האט זיך די זון אונטער ריזיקן זאק־זאמד,
אונטער געוואלטיקן וואלקן ווו באהאלטן.
פארן לעצטן בית־מדרשל א צענטן,
קוים צו געפינען א מנין־מאן, אן אלטן.

אין א געסל דא כ׳וואקל, אהער אהין,
ווי די בלאנקנדיקע טויב וואס זוכט ברייזעלעך,
ווי די ווילדע קאץ — — „מה טובו אוהליך" — —
ווי שיין געווען, ווייטשעפל, דיינע הייזעלעך.

פון יעדן קוימענדל א קטורת־רויכל,
א קרייזלדיקס צום הימל ארויפגעגאנגען,
און אז געקומען דער הייליקער שבת,
פון מינדסט פענסטערל בעטעמטע זמירות־געזאנגען.

### ווייטשעפל שטעטל ד׳בריטן

אכצן שעה א טאג, אכציק שטונדן א וואך,
„געדאנקעוועט", דעם שוויס געשוויצט ווי די פערד;
אהיימגעוואקלט אין וואנציקן שטיבל
פיס געקושט יעדן טפח־שריט פון דער ערד —

זיינען געקומען די יום־טובדיקע טעג,
אויף די פּאטשינעס דאס שפּאצירן געגיי;
פון די טויזנט און איין יידיש שטעטלע,
זיך צונויפגעדזשאבעט א פרישס, שפּאגל ניי.

אקארשט אין לשון שוין מען האט זיך דערקענט,
פון וועלכן שטעטל מ׳איז געקומען אהער,



און א פּרעסער־יונג מיט א מאשינערין,
אין מיטן ווייטשעפל גאס געטאנצט א „שער".

יאדערדיק גערעדט, סעמעטשקעס געשפּיגן —
אויף שאלעכץ געגאנגען ווי אויף א דיוואן!
א גרינער? יא, א דעמב אין שטעטישן וועלדל,
כאטשע, טויזנט און מייל ווייט ס׳איז פון דאן.

### דער וואונדער דיוואן

אויף אט דעם סעמעטשקע דיוואן,
געקומען דא אנגעפלויגן,
און ווי וואונדערלעך עס האבן
אויפגעלויכטן מיינע אויגן.

פון נעפל ארויס ווייטשעפל,
אזא סאלעדין־לאמטערן;
אויף טויזנט און איין ראד ס׳דרייט זיך,
א וואונדער נישט אויפצוהערן.

ס׳פראלן פון שוי־פענסטער ארויס,
רעגנבויגנס מיט קאלירן;
יעדעס געסל א לאבערינט,
מיט טויזנט אפענע טירן.

צעדרייוולט און אויסגעטרעטן,
ס׳ווערט א דיוואן מיט די יארן,
איז א וואונדער אז א לאמטער,
אויסגעלאשן איז געווארן?

אז פון אלע זייטן ווינטן,
און די שייבלעך אויסגעבראכן,
פון מיינע אויגן־לעכער שוין,
די אפלען ארויסגעקראכן.

א שאטן־שיין אויף א וואנט דא,
צומאל נישט איבערגעלאזן;
מיין בליק בלאנקעט, לאקערט, פלאקערט,
און דער ווינט האלט אין איין בלאזן.

טויזנט און איין נאכט איך ווארט שוין,
אפשר קומען קריק זיי וועלן,
דיוואן פערלאטען, אין לאמטער
שייבלעך צוריק אריינשטעלן.

### דאס סטאלארסקע שילכל

די סטאלארעס, די ווייטשעפלער,
אן אומה־ולשון גאר באזונדער;
דאס איז נישט „עמך" שער און אייזן,
זעג און הובעל באווייזן דא וואונדער.

געבאדעוועט אין הימל אריין,
אין די הויכע־פענסטער, הויך פארקראכן;
ווען איך בין אנגעקומען, ביי זיי,
געווען שוין יום־טוב אין דער וואכן.

געבליבן פון זיי דאס שילעכל,
אינמיטן וועג איז עס שטיינגעבליבן,
ווי רחל׳ס קבר ווען נבזרדן
האט די יידן אין גלות געטריבן,

### די כל־נדרי־זון

קיין איין „בערע״ אויפן מארק,
קיין איין געוועלב נישט אפן;
מיטן טלית און מחזור,
שוסטער שנעל אין שול געלאפן.

און שניידערל פון געסל,
דירעקט פון גליאיקן פרעסל.

די זון איבער לאנדאן־בריטש,
קומט אן פון טובלען אין טעמזע:
ווי כל־נדרידיק נידריק,
כאטש מיט אין שול אריין נעם־זע.

פון הארץ הארבסטיק אראפוויינען,
ז׳וועט זיך מיט יידן אין איינעם.

### כאטש אזוי קליין

דער „שויתי לנגדי תמיד״ —
פון נר־תמיד טינקל באלייכטן;
מיט גרויסע גילדענע אותיות,
א פאראייביקטן און דערהייכטן,

קאן יעדער זען זיין טאטע־מאמע,
פון א וואנט, גאלדן אראפשיינען;
ווי האט אמאל פון דער גאלעריע
א מאמע געטון אראפוויינען — —

די שכינה איז אויבן געזעסן,
איינגעהילט אין א שאל א ווייסן;
ווי פוסט ס׳הילכט דער כל־נדרי־אפיל,
מיינע ליפן ביז בלוט כ׳טו פארבייסן:

און אפשר איז זי שוין אין ישראל,
די שכינה דארט ביי דער כותל?
צווישן יידן כ׳שטיי אזוי קליין,
ווי צווישן אותיות — ס׳ייד־אות׳ל.

### חשון־טעג

אז גאט ארייגעאטעמט אין א הויפן ערד,
איז א מענטש געווארן פון שטויב, א זשמעניע;
אז מיליאנען מענטשן הויכן דאס לעבן אויס,
א לעבן צו מאכן פאר „פעטיע־מעניע״?

אויף שטיקל קרקע־ערד דא, הייליק צעוויקלט,
אז א זכר פון אונז ס׳זאל איבערבלייבן,
אין יידישע אותיות כ׳הויך מיין אטעם איין,
און מיין בלוט כ׳טובל מיך זיי אנצושרייבן.



2

ווי פאמעלעך די זון רוקט זיך אויף מיין וואנט,
ווי ס׳דויערט, קוים וואס זי גיט זיך אריק —
ווי מיינע אנטלאפענע זיבעציק יאר,
ביי גאט אן איינאיינציקער אויגנבליק.

ווי די וואנט ווען די זון גייט פון איר אוועק,
זיץ איך אין שטוב איינגעפאלן און גרוי;
אין דער רגע כ׳שפיר גאט אין מיר, כ׳זאג: „כי טוב״,
צו מיין ליד, כביכול, געניי אזוי.

3

די זיבעציק קומענדיקע טעג,
קיין איין שטרייפל זון צומאל אויף מיין וואנט;
ווי אזוי וועל איך זיי אויסהאלטן,
און דאס קאפען פאר פענסטער נאכאנאנד.

מיר דאכט אינם פינסטערן ווינקל,
אין שאטן געהילט זיצט פארבארגן ווער;
ער קארטשעט זיך, לאקערט חושכדיק,
אנאויפהער כ׳הער קאפן שווער א טרער.

### דאס וועב־שיפל

וואס פינסטערער ס׳איז דער טאג, אין דער נאכט
אלץ שטראלנדיקער ער טוט זיך צעשיינען —
דער ווארעם שפינט אויס זיין זיידן פאדים!
אבער אז די נעכט צעריסענע זיינען?

עסווארפט זיך מיין הארץ דאס שווארצע שיפל,
צווישן שתי־וערב סובות־ליינען.

גאנצע נעכט אונטער קראקווע פון מיין דאך,
ווארקען צוויי טויבן אין זייער פאראיינען,
און אונטן פאר פענסטער צוויי ווילדע קעץ,
געוואלטיק צעתאוועט וואיען און וויינען.

מיין קאפ וויקלט צעזוויגטע ווערטער,
נאך וואס ערשט אויסוועבן, וועט זיי ווער ליינען.

### א „פאגע״

ווי שווארצע וואראנעס בחבורותא — א וואלקן,
לאזט זיך שווער אראפ פאר מיין פענסטער אויף דער ערד —
שטיין אויף שטיין צענומען היינט הייזל נאך הייזל:
פון שטויב, אויסגעהויכטן אטעם פון מיין געסל,
מיין טוכלע ווילגאטש שטיבל נאך טונקלער ווערט.

אויף אפענעם ווייטשעפל דערשלעפן געקענט,
א מבושימדיקער, א וואקלדיקער טרעמפ;
מיינע ווילד־צעגליטע משוגענע אויגן,
מיינע פיבערדיק צעצונדענע געהירן,
ליכטיק אויפגעלויכטן פון די סטראגאנעס לעמפ.

דער געגיי פון דער ארבעט, דער רוף, דאס געשטופ,
דעם הימל אויף דער ערד דא מ׳האט אראפגעברענגט;

א געדיכטער נעפל, א בלאטיקע פאגע,
און אויף די סטראגאנעס, די בערעס, דיביידלעך,
אנצאליק די שטערן, פונקלדיק ווער צעהענגט.

טויזנט איין מאל אויף טראטואר דא געדרייט מיך,
און תמיד ווי א וויזיע, ווידער אויף־דאס־ניי:
ווי די עפל, די מילגרוימען, די פאטשערקעס,
די ווערטער אין מיר זיך געסדרט, געסילעט,
מיטן ריטם־רוך — פון דער ארבעט דאס געגיי.

### אויפן טראטואר

דא אויף דעם אספאלד־ברייטן טראטואר,
נישט איינער דאך ראנגלדיק דערגאנגען:
דא האבן וויגטשעוסקי און ראזענפעלד,
אויפגעבריוזט מיט זייערע געזאנגען.

דא יוסף חיים ברענער זיין סטעשקע,
פעכ׳יק־פלאמיק, ערדיש אויסגעטרעטן!
אין א טלית — אין א נעפל געהילט,
נישט איינמאל דעם טויט אויף זיך געבעטן —

אין דעם שטויביק ברעקלדיקן געברויז
א געבליבענער דא און פארגעסן,
פון א בולדאוער — פון א בולדאק־פיסק,
ווערן צעגריזשעט און אויפגעפרעסן.

### נאך האלבער נאכט

אונטערן סעציר־מעסער ס׳ליגט די גאס!
רייסט מען די גאל די נירן־שטיינער ארויס;
רייניקט מען פון זאמד דעם אורין־קאנאל?
זאל זי נאר פון נארקאזע אויפוואכן בלויז:

די גלוקאזע־פלאש, בלוט־טראנספוזיע,
שאקלען זיך צוקאפנס די עלעקטריי־לעמפ;
לאנגע שעה ציען זיך די רגעס,
ווי שארף ס׳געצייג אין אינגעווייד שניידט זיך טעמפ!

אויפגעשליצט דער בויך: די געדערעם, ס׳הארץ — —
פולס־אדער ראפטים אויפגעריסן און שפריצט!
אויף ראג ציילט נערס דעם דופק, דעם שוויס ווישט,
קוים מ׳הערט ס׳אטעמען פון קראנקער גאס נאך איצט.

### ווייטשעפלער רעגן

פון דרויסן קוקט א גרויער אריין א קראנקער טאג,
אים גערינען פון נאז און אויגן — גייט דער רעגן;
מיט א היסן און ניסן כראקעט ער אין די שייבן,
ווי ער וואלט שוין און די לעצטע רגע׳ס געלעגן.

מיט גלעזערנע אפלען, געבראכענע, וואסערדיקע,
ער קוקט אויף מיר ווי געוואלט עפעס וואס מיך פרעגן —
ד׳ערזעט ער נישט זיך אין שפיגל? גיט א שארפן שפיי,
און מרוקעט עפעס נישט צו דער זאך ווי פארלעגן —



א צוואה לאזן, גרויסע שיינע ווערטער זאגן?
א לעצטן ווילן? נאך וואס און פאר וועמענס וועגן?
ער וועט שוין זיין לעבן אויסהויכן מיט גסיסה שוים,
אין א ריוו דרויסן אויף די ווייטע וויסטע וועגן.

### טעם גן־עדן

אין הויז נאך געווען ס׳היימישע קלייטל,
ארונטערגעלאפן — בלויז פון בשמים־ריחל,
געזונט געווארן, און דאס זעלביקע,
פון קליין־יעקעלעס געשמאק לאקשן ייכל.

אם ירצה השם ס׳קלייטל געפינען,
אפשר אויבן אויף די הימלישע יערידן,
אן דאס ייכל וועט זיין פון שור־הבר,
טעם גן־עדן! ווען רוען דארטן אין פרידן.

### דער לעצטער נומער . . .

איידער מיין עלטער־זיידע נסתלק געווארן,
געבעטן זיינע כתבים אין פייער צווארפן —
עניוותדיק געווען? אזא לעצטער סיגוף?
איך וועל עס שוין אים ירצה השם נישט באדארפן!

ווי נאר כ׳וועל שטארבן א מיסטוואגן וועט פארפארן,
און אלצדינג וואס נאך מיר אין מיין שטיבל געבליבן,
די מיסט־פירער אויף וואגן ארויפווארפן וועלן —
צווישן די בגדים־סמאטעס אלץ וואס כ׳האב געשריבן.

און דער לעצטער חודש־נומער „לשון און לעבן“,
וואס נישט געדויזשעט שוין כ׳האב אים נאך צו פערקויפן,
ברייט צעשיטן זיי וועלן אים אויבן, גאנץ אויבן,
צו פארדעקן דעם מאוסן בגדים־סמאטעט הויפן.

פון שנעלן פארן וועלן די בלעטער זיך מישן,
א פארזשמורעטע הארבסט זון וועט א לידל ליינען;
זיך צו פארטיפן אונטער דיקסטן וואלקן קריכן,
ס׳וועט דעם טאג רעגענען — די זון ביים ליינען וויינען.

### מיין געסל

פון מיין געסל מיר נאכגייט די ווילדע קאץ,
איר ארויסגעשטעלט אמאל מילך פאר דער טיר;
ווען מען מיך פירן — אויף דער דריטער גאס נאך,
זי וועט עס דערשפירן מיט איר געשפיר.

א טויב, כ׳פל׳עג איך אראפווארפן ברייזעלעך,
נאכווארקען „יושב בסתר“ מיט געברום:
זי אבער די קאץ, פון גרויס געדירטקייט,
מיט וויסט־צעמישן בליק, נאכקוקן שטום.

### סודותדיק־שטיל

צי אינטערן פלויט, צי אין אן אוהל,
ווי אין דער היים עלטער זיידן געלייגט — —
א צוריקגעקומען הייפעלע ערד,
ליגט פארטיפט אין זיך און סודותדיק שווייגט.

LOSHN UN LEBN
1966-1967
L.C.
870

וועט קומ
נישט העו
און נישט
ס׳קעפעלע

ס׳זיינען ד
דער און ד
נאר נאמען
און נישט מ

אויף ווי לא
ווייסט ווער
געוועזן,
און נישט מ

דער עסק,
צי לויגט ער
עס פרעגט דען,
ביי דיר ווער?

טראכסט אהין,
טראכסט אהער,

בסט,
ר.

ער!
וויט,
ער?

— —
וואס דער מער?

פה נטמן,
דער און דער —
א נאמען,
און נישט מער.

### א דאנק דעם שטיקלע ערד דא

טויב ארויפגעקומען צו מיין פענסטער,
אז טעג שוין קיין ברייזעלעך זי נישט געפינט,
און די ווילדע קאץ קראצט דארט אין מיין טיר,
ביי דער מאמעס בוזעם א זייגנדיק קינד.
א גרויסן דאנק אייךביידע פארן באזוך,
וואס מבקר חולה זיין געקומען אצינד.

איך פיל מיך טאקע שוין גאר א סך גרינגער,
אז מ׳ווייסט, אז מ׳האט פארוואס צו לעבן,
איבערן טויט צומאל מ׳ווערט דער בעצווינגער.

אז שוין יעצט שווער דא זיך אויסגעפינען,
ווי וועט עס ערשט און די דורות שפעטער זיין,
ווען לעצט פארגעסן געסעלע דא מיינס,
וועט שוין זיין צענומען א שטיין אויף א שטיין?
וועט זיך דעם מענטש לעבן לייכטער דעמלט;
ווען שטאט די הייזלעך איין גרויסער בלאק וועט שטיין?

אויב אזוי וועט די ערד אויך מיר זיין גרינגער,
עס ווערט דער מענטש אלט, אבער מיט די יינגע,
ווערן די גאסן פון די שטאט אויך יינגער.

הונדערט־טויזנטער פון אונז דא געלעבט,
פאר מיליאנען פון אונז געוועזן א בריק;
אדאנק דעם דעם שטיקעלע ערד דא אויך איך,
מיינע יאר אויסצולעבן געהאט כ׳האב דאס גליק;
פאר יעדן ליד מיינס אנגעשריבן דא,
לויכט פרייד נאך איצט אין מיין פארלאשענעם בליק.

נאך פארברעכער צומאל אפדרוק פון פינגער!
פון וואס געוועזן א זכר ס׳זאל בלייבן,
זיינען די פערזן און ס׳זינגען פון זינגער.

## משה בעקערמאן

### א בריוו פון אן עלטערמומע צו איר פלימעניק (סאטירע)

מיין טייערער פלימעניק, ישראליק, אלס דיין איינציקע עלטערמומע פון טאטנס צד, וואס דער גורל פון דיין פאלק שטייט מיר נאנט צום הארצן, ליגט אויף מיר א חוב צו שרייבן צו דיר, כדי אויסצודריקן וואס איך פיל בנוגע דיין מאראלישער שטעלונג, וועלכע דו נעמסט אן אין דער איצטיקער סיטואציע. יא, ס׳איז טרויעריק וואס די וועלט לייגט אויף דיר די שולד פאר אט דער דאזיקער סיטואציע.

ס׳קען זיין, אז דו ביסט איבערראשט און אנטוישט הלמאי איך און דיין פעטער סעם און דיין פעטער גאל־דע אין פראנקרייך ווייזן נישט ארויס קיין איבעריקן ענטוזיאזם צו דיין שנעלן נצחון איבער דיינע שכנים, וואס האבן דיך כסדר געסטראשעט מיט גענצלעכער פארניכטונג. אפשר ביסטו גאנץ אנטוישט מיט דיין פראנצויזישן פעטער, וועלכער האט ביז נישט לאנג צוריק דיר געליפערט „מיראזשן" און איז פלוצלינג געווארן א נייטראליסט (נישט פאר מיר געדאכט!).

קען איך דיר זאגן, מיין ליבער ישראליק, אז אייגנטלעך איז די שולד דיינע. האט דאך קיינער עס פון דיר נישט דערווארט אפצוהאלטן א נצחון איבער אלע דיינע שכנים אין משך פון זעקס טעג: אודאי ווייסט יעדער איינער, אז מ׳ען האט דיך פראוואצירט, אבער וואס מיר קענען דיר נישט אזוי לייכט מוחל זיין איז דיין אנצוהערעניש צו האבן געוואונען די מלחמה. לאמיך דיר זאגן פראסט און פשוט, מיין טייערער, אז אזעלכע ווערטער ווי געווינען א מלחמה זענען ארויס פון דער מאדע. מען מוז זיך רעכענען, גאנץ איינפאך, מיטן פסיכאלאגישן עפעקט, וואס דאס קען האבן אויף די פארשפילטע. און וואס מכוח „הומאניטעט", „מיטלייד" און „מידת רחמנות"? איבערהויפט ווען אט די דאזיקע זענען עס די שולדיקע אין פראוואצירן צו א מלחמה.

מילא, וואלט עס זיך דא געהאנדלט אין גובר זיין בלויז איין שונא, וואלט די זאך זיך נאך געלייגט אויפן שכל. אבער דו גייסט און האלטסט אפ א נצחון אזש איבער דריי שונאים אין זעקס טעג. דאס זעסטו זענען שוין מעשים נישט מוחל צו זיין און נישט צו טאלערירן.

געוויס קען זיין, אז זיי וואלטן נישט געווארן אזוי פארביטערט און דערשלאגן ווען דער רעזולטאט פון דער מלחמה וואלט, רחמנא לצלן, געווען א פארקערטער. אבער דיר איז גאר איינגעפאלן זיי צו געבן א טויט־קלאפ בשעת זיי האבן נאך כסדר געהאלטן אין איין חלומען פון ז כשר מיטאג אין תל־אביב און דא אידער זיי האבן נאך באוויזן זיך אפצוגיסן נעגל־וואסער איז שוין געווען כמעט „נאך יזכור".

איך קען דיר פארזיכערן, ליבער פלימעניק, א׳ז ביז צו דער סאמער לעצטער מינוט האסטו געהאט די מיטלייד פון דער גאנצער משפחה. אט ווען מיר דיך ארומגערינגלט, נעבעך, מיט שונאים פון אלע זייטן, גרייט דיך צו פארניכטן. מיר זענען געווען טיף גערירט. אין אזא יאושדיקער לאגע האסטו געדארפט שטיין מיט פארלייגטע הענט, ווי בשעתו טראצקי ביי בריסק־ליטאווסק און זיך פארלאזן אויף גאט. מעגלעך, אז מיט עטלעכע שעה שפעטער וואלטן דיינע פתכסיסי־מלחמה מער נישט ווערט געווען קיין צע קוועטשן דרייער, אבער קיינער וואלט דיר דאך נישט געקענט ווארפן אין פנים אריין דאס ווארט „אנגרייפער, אגרעסאר". ווער ווייסט, אפשר וואלט מען דאס ווארט געווארפן דיינע שונאים אין פנים אריין.

אבער אויף אייגעגער אחריות האסטו באשלאסן צו זיין „דער ערשטער אויפן יריד"; צו געבן, ווי מען זאגט, דעם ערשטן שאס, נישט רעכענענדיק זיך מיט די געפילן פון דיינע שכנים און אויך נישט מיט די געפילן פון דיינע פעטערס און מומעס. ווייסטו דען נישט, אז די משפחה וואלט דיר צוהילף גע־

וועט קומען ווער לייגן אמאל א בלום,
נישט הערן די בין ווי ז[illegible] [illegible]יגס,
און נישט ווי פייגעלע ש[illegible] [illegible]רציקט,
ס'קעפעלע דערביי קאקע[illegible] פארנייגט.

ס'זיינען דא,
דער און דער,
נאר נאמען,
און נישט מער.

אויף ווי לאנג,
ווייסט ווער ?
געוועזן,
און נישט מער.

דער עסק,
צי לוינט ער ?
עס פרעגט דען,
ביי דיר ווער ?

טראכסט אהין,
טראכסט אהער,
און דו בלייבסט,
ביים באקלער.

יא, ס'לעבן,
ביז גאר שווער !
בלויז וואס טויט,
ווייס וואס ווער ?

א חילוק,
יא א טרער,
אדער נישט — —
וואס דער מער ?

פה נטמן,
דער און דער —
א נאמען,
און נישט מער.

### א דאנק דעם שטיקלע ערד דא

טויב ארויפגעקומען צו מיין פענסטער,
אז טעג שוין קיין ברייזעלעך זי נישט געפינט,
און די ווילדע קאץ קראצט דארט אין מיין טיר,
ביי דער מאמעס בוזעם א זייגנדיק קינד.
א גרויסן דאנק אייך ביידע פארן באזוך,
וואס מבקר חולה זיין געקומען אצינד.

איך פיל מיך טאקע שוין גאר א סך גרינגער,
אז מ'ווייסט, אז מ'האט פארוואס צו לעבן,
איבערן טויט צומאל מ'ווערט דער בעצווינגער.

אז שוין יעצט שווער דא זיך אויסגעפינען,
ווי וועט עס ערשט און די דורות שפעטער זיין,
ווען לעצט פארגעסן געסעלע דא מיינס,
וועט שוין זיין צענומען א שטיין אויף א שטיין ?
וועט זיך דעם מענטש לעבן לייכטער דעמלט ;
ווען שטאט די הייזלעך איין גרויסער בלאק וועט שטיין ?

אויב אזוי וועט די ערד אויך מיר זיין גרינגער,
עס ווערט דער מענטש אלט, אבער מיט די יינגע,
ווערן די גאסן פון די שטאט אויך יינגער.

הונדערט־טויזנטער פון אונז דא געלעבט,
פאר מיליאנען פון אונז געוועזן א בריק ;
אדאנק דעם דעם שטיקעלע ערד דא אויך איך,
מיינע יאר אויסצולעבן געהאט כ'האב דאס גליק ;
פאר יעדן ליד מיינס אנגעשריבן דא,
לויכט פרייד נאך איצט אין מיין פארלאשענעם בליק.

נאך פארברעכער צומאל אפדרוק פון פינגער !
פון וואס געוועזן א זכר ס'זאל בלייבן,
זיינען די פערזן און ס'זינגען פון זינגער.

## משה בעקערמאן

# א בריוו פון אן עלטערמומע צו איר פלימעניק (סאטירע)

מיין טייערער פלימעניק, ישראליק, אלס דיין איינציקע עלטערמומע פון טאטנס צד, וואס דער גורל פון דיין פאלק שטייט מיר נאנט צום הארצן, ליגט אויף מיר א חוב צו שרייבן צו דיר, כדי אויסצודריקן וואס איך פיל בנוגע דיין מאראלישער שטעלונג, וועלכע דו נעמסט אן אין דער איצטיקער סיטואציע. יא, ס'איז טרויעריק וואס די וועלט לייגט אויף דיר די שולד פאר אט דער דאזיקער סיטואציע.

ס'קען זיין, אז דו ביסט איבערראשט און אנטוישט הלמאי איך און דיין פעטער סעם און דיין פעטער גאל־דע אין פראנקרייך ווייזן נישט ארויס קיין איבריקן ענטוזיאזם צו דיין שנעלן נצחון איבער דיינע שכנים, וואס האבן דיך כסדר געסטראשעט מיט גענצלעכער פארניכטונג. אפשר ביסטו גאנץ אנטוישט מיט דיין פראנצויזישן פעטער, וועלכער האט ביז נישט לאנג צוריק דיר געליפערט „מיראושן" און איז פלוצלינג געווארן א נייטראליסט (נישט פאר מיר געדאכט !).

קען איך דיר זאגן, מיין ליבער ישראליק, אז אייגנטלעך איז די שולד דיינע. האט דאך קיינער עס פון דיר נישט דערווארט אפצוהאלטן א נצחון איבער אלע דיינע שכנים אין משך פון זעקס טעג : אודאי ווייסט יעדער איינער, אז מ'האט דיך פראוואצירט, אבער וואס מיר קענען דיר נישט אזוי לייכט מוחל זיין איז דיין אנצוהערעניש צו האבן געוואונען די מלחמה. לאמיך דיר זאגן פראסט און פשוט, מיין טייערער, אז אזעלכע ווערטער ווי געווינען א מלחמה זענען ארויס פון דער מאדע. מען מוז זיך רעכענען, גאנץ איינפאך, מיטן פסיכאלאגישן עפעקט, וואס דאס קען האבן אויף די פארשפילטע. און וואס מכוח „הומאניטעט", „מיטלייד" און „מידת רחמנות" ? איבערהויפט ווען אט די דאזיקע זענען עס די שולדיקע אין פראוואצירן צו א מלחמה.

מילא, וואלט עס זיך דא געהאנדלט אין גובר זיין בלויז איין שונא, וואלט די זאך זיך נאך געלייגט אויפן שכל. אבער דו גייסט און האלטסט אפ א נצחון אזש איבער דריי שונאים אין זעקס טעג. דאס זעסטו זענען שוין מעשים נישט מוחל צו זיין און נישט צו טאלערירן.

געוויס קען זיין, אז זיי וואלטן נישט געווארן אזוי פארביטערט און דערשלאגן ווען דער רעזולטאט פון דער מלחמה וואלט, רחמנא לצלן, געווען א פארקערטער. אבער דיר איז גאר איינגעפאלן זיי צו געבן א טויט־קלאפ בשעת זיי האבן נאך כסדר געהאלטן אין איין חלומען פון א כשר מיטאג אין תל־אביב און דא איידער זיי האבן נאך באוויזן זיך אפצוגיסן נעגל־וואסער איז שוין געווען כמעט „נאך יזכור".

איך קען דיר פארזיכערן, ליבער פלימעניק, א'ז ביז צו דער סאמער לעצטער מינוט האסטו געהאט די מיטלייד פון דער גאנצער משפחה. אט זעען מיר דיך ארומגערינגלט, נעבעך, מיט שונאים פון אלע זייטן, גרייט דיך צו פארניכטן. מיר זענען געווען טיף גערירט. אין אזא יאושדיקער לאגע האסטו געדארפט שטיין מיט פארלייגטע הענט, ווי בשעתו טראצקי ביי בריסק־ליטאווסק און זיך פארלאזן אויף גאט. מעגלעך, אז מיט עטלעכע שעה שפעטער וואלטן דיינע פתכסיסי־מלחמה מער נישט ווערט געווען קיין צע קוועטשן דרייער". אבער קיינער וואלט דיר דאך נישט געקענט ווארפן אין פנים אריין דאס ווארט „אנגרייפער, אגרעסאר". ווער ווייסט, אפשר וואלט מען דאס ווארט געווארפן דיינע שונאים אין פנים אריין.

אבער אויף אייגעגער אחריות האסטו באשלאסן צו זיין „דער ערשטער אויפן יריד" ; צו געבן, ווי מען זאגט, דעם ערשטן שאס, נישט רעכענענדיק זיך מיט די געפילן פון דיינע שכנים און אויך נישט מיט די געפילן פון דיינע פעטערס און מומעס. ווייסטו דען נישט, אז די משפחה וואלט דיר צוהילף גע־

TOWER HAMLETS LIBRARIES

קומען אין אן עת־צרה? אין ערגסטן פאל, האבן מיר אלע געהאט גרייט אייניקע שיפן צו ראטעווען עטלעכע טויזנט יידן פון גענצלעכער פארניכטונג און די גאנצע ציוויליזירטע וועלט וואלט דאך זיי ארויסגעוויזן די גרעסטע מיטלייד!

איינמאל פאר אלעמאל זאלסטו וויסן, אז אין די היינטיקע צייטן טאלערירט מען נישט קיין פאלק, וואס געווינט א מלחמה. דערפאר טאקע היט זיך דיין פעטער סעם צו ווערן דער זיגער אין זיין אייגענער מלחמה אין וויעטנאם. וויל זיך פשוט נישט פארשווארצן ס׳פנים פאר דער וועלט.

דעם אמת געזאגט, בין איך אמאליקע צייטן אליין געווען פארשיכורט און געוואונען אייניקע מלחמות דא און דארטן. איך באדויער זיי עד היום

איצט נאך צוואנציק יאר ווי איך האב אויפגעהערט צו געווינען מלחמות, האט די גאנצע פינאנציעלע וועלט רעספעקט פאר מיר. מען שטופט מיר ממש געלט אין די קעשענעס אריין. וויל איך געבן אינדיען א דרייסיק מיליאן פונט אדער פארשטופן ירדן דאס מויל אדער אדען און אנדערע נויטבאדערפ־טיקע, גיב איך א פיפס קיין באזל און די באנקירן דארט באווארפן מיך הונ־דערטער מיליאנען פונטן. זיי האבן ליב זיך צו חברן מיט בעל־צדקה.

נו, זעסטו שוין איין, אז דו דארפסט דיך לערנען פון עלטערע לייט נישט צו באגיין נאכאמאל די זעלבע נארישקייט? ניין, ס׳איז נאך נישט צושפעט פאר דיר חרטה צו האבן אויף דיינע זינד. באדארפסט בלויז פאלגן וואס איך שלאג דיר דא פאר:

ערשטנס, דו זאלסט אפגעבן דיינע שכנים יעדעס ברעקל טעריטאריע, וואס דו האסט אקופירט.

צווייטנס, דו זאלסט צוריקגעבן רוסלאנד אלע נייע „מיגס", טאנקען און קאנאנען, וואס די עגיפטער האבן ביי דיר איבערגעלאזט, ווייל זיי זענען געווען צופיל מיטצונעמען מיט זיך אדער זיי האבן פשוט נישט געהאט קיין אנדער ברירה.

דריטנס, דו זאלסט מיט אייגענע כחות אויפשטעלן בעסערע באטקעס פאר דיינע שכנים ווי די, וואס זענען געפאלן „כורעים" ווען דיינע טאנקען זענען בלויז פארביינעפארן.

פירטנס, דו זאלסט צוריק אויפשטעלן זייערע פעסטונגען, וואס אין איילע־ניש דו האסט צעשמעטערט.

פינפטנס, דו זאלסט צוריקברענגען אין ארדנונג זייערע לופט־פעלדער. זאלסט אבער אכטונג געבן נישט צו מאכן קיין האלבע ארבעט.

זעקסטנס, דו זאלסט זיי נישט מאכן דעם איינדרוק, אז דו טוסט דאס אלץ אויס מאטיוון פון צדקה, ווייל די אראבער האבן פיינט צדקה. טו עס מיט א שמייכל אויף די ליפן און אנטשולדיק דיך פאר זיי פאר דער איבערקערעניש אין זייערע לענדער. טאמער ווערן זיי נתפעל דערפון און באטראכטן דיך פאר א חסר־דעהניק, זאלסטו דיר מאכן נישט ווויסנדיק. זאל דיינס איבערגיין צו זיי, און פארשאף אונז מער נישט קיין עגמת־נפש. מעגסט אונז גלויבן, אז מיר האבן אונזערע אייגענע צרות.

האפנטלעך וועסטו דיך באציען ערנסט צו מיינע עצות. נאר טאמער נעמען זיך דיינע שכנים ווידער צו זייערע הינטישע שטיק, זאלסטו מיך באלד לאזן וויסן, כדי איך זאל צוויגנען די פאריייניקטע פעלקער־ארגאניזאציע זיי צו זאגן אפאר הארבע ווערטער — הינטער די קוליסן. איך און דיין פעטער טעם האבן דארט די גרעסטע דעה...

דיין ליבהארציקע עלטערמומע, בריטאניע.

סעם בערנשטיין, פון די ערשטע טעאטער־אמאטארן אין ווייטשעפל איז געשטארבן. אונזער טיפן מיטלייד מיט זיין זון פיל, דעם געוועזענעם דריגענט פון יידישן טעאטער „גרענד־פאלעי", מיט זיין שניר חנהלע צעל־ניקער, מחותן מאיר צעלניקער און פרוי, און אייניקל, די קלאוויר שפילערין ריקל שפילערין ריקל בערנשטיין.